STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04438

DI IDISHE KONFERENTS (ASEMBLI)

R. Zaltsman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אידישע קאָנפערענץ
(אַסעמבלי)

פאַקטן און דאָקומענטן, וואָס די
אידישע עפנטלעכקייט
דאַרף וויסן.

ר. זאַלצמאַן

נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

אַרויסגעגעבן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע,
אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

אָקטאָבער, 1943.

Published by
National Executive Committee, Jewish-American Section,
International Workers Order
80 Fifth Avenue, New York 11, N. Y.
369

געדרוקט:
אין א ו י ג ו ס ט — 1,000 פֿאַר די דעלעגאַטן צו דער אַמעריקאַנער אידיישער קאָנפֿערענץ.
אין אָ ק ט אָ ב ע ר — 5,000 אין אַ פֿאַרגרעסערטער אויפֿלאַגע.

וואָס האָט געבראַכט צו דעם געבורט פון דער אַסעמבלי?

די שרעקלעכע לאַגע פון די אידן אין אייראָפּע, דער פאַקט וואָס היטלער האָט שוין אויסגעשאָכטן מיליאָנען אידן און זוכט אויסצורייסן מיטן וואָרצל דאָס גאַנצע אידישע לעבן, דער פאַקט וואָס דער אַנטי־סעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דערגרייכט דראָענדיקע פּראָפּאָרציעס, וואָס קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט די טעג אין דייטשלאַנד איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט; דער וואַקסנדיקער באַוואוסט־זיין ביי די ברייטע אידישע מאַסן, אַז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק שטייט אין קאָן — דאָס זיינען געווען די סאַמע וויכטיקע סיבות, וואָס האָבן ענדלעך געצוואונגען אַ צאָל אידישע פירער צוזאַמענ־צורופן די פאָרשטייער פון אָרגאַניזירטן אידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צו באַטראַכטן וואָס עס קאָן געטאָן ווערן אין אָט־דער געפערלעכער שעה פארן פאָלק.

אין דער דערעפענונגס־רעדע, וואָס עס האָט געהאַלטן הענרי מאָנסקי — דער פּרעזידענט פון דעם גרעסטן אידישן אָרדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, "בני ברית", און איינער פון די הויפּט־פירער פון דער אידייע פון דער אַסעמבלי, פאַקטיש דער, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע צוזאַמענצורופן אָט די קאָנפערענץ אין פּיטסבורג — האָט ער געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„מיט 25 יאָר צוריק, ווען די אידן פון אַמעריקע זיינען גערופן געוואָרן צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פאַרטיידיקן אידישע רעכט און שטיצן די פּראָגראַם פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון פּאַלעסטינע, איז געווען אַן ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהייט. ס'איז אָבער געווען מעגלעך צו דערגרייכן אַ געוויסע מאָס קאָאָפּעראַציע פון אַלע קלאַסן און גרופּן.

„היינט אָבער שטייען מיר פאַר אַ גרעסערער נויט ווי מיט 25 יאָר צוריק. מיר לעבן דורך די סאַמע טראַגישסטע טעג אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע. די וועלט איז אַרומגעכאַפּט פון אַ מלחמה, וואָס באַדראָעט אונדזער ציוויליזאַציע מיט פאַרניכטונג. אין דער מענטש־לעכער געשיכטע איז נישטאָ נאָך אַ רעקאָרד, וואָס זאָל זיין אַזוי שוואַרץ ווי דער רעקאָרד וואָס עס האָבן אָנגעשריבן די באַרבאַרן פון נאַצי־דייטשלאַנד. ביי אַ סך פעלקער זיינען פאַרשוועכט געוואָרן הייליקטימער,

עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן זייערע היימען, עס איז פאַרוויסט געוואָרן זייער לעבן, און ס'איז חרוב געוואָרן זייער פרייהייט. . . .

„אַלס אַמעריקאַנער און אַלס אידן איז די זאַך פון די פאַראייניקטע פעלקער צווייפאַך אונדזערע. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן מוז אָן שום צוריק־האַלט אָפּגעגעבן ווערן פאַר אָט דעם קאַמף. יעדער קרבן, וואָס די מלחמה פאָדערט פון אונדז, מוז געבראַכט ווערן. ווען דער זיג וועט קומען — און דער טאָג איז ניט זייער ווייט — וועט ער אויך, האָפן מיר, ברענגען אַ נייעם טאָג פאַר דעם אידישן פאָלק.

„אין דעם קומענדיקן פרידן שטייט פאַר אונדז אַ סך אין קאָן. ניט בלויז האָבן מיר געליטן גרוילהאַפטע פאַרניכטונג פון אידישן לעבן, נאָר אַ סך פון דעם וואָס איז דערגרייכט געוואָרן נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, אין פרט פון דער פּאָזיציע וואָס אידן האָבן געהאַט געוואונען אין דער וועלט, איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אָט די געוואונענע פּאָזיציע פון די אידן איז אַלץ פאַרערגערט געוואָרן און אונדזערע געוואונענע רעכט האָבן געליטן. אין אַ סך לענדער זיינען אונדזערע רעכט אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן צוליב די נאַציישע העצעס און דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע איבער דער גאַנצער וועלט. ס'איז פאַראַן אַ דרינגענדיקע נויט ווידער אויפצושטעלן אָט יענע פאַרלאָרענע פּאָזיציע און צו באַפעסטיקן גלייכ־הייט און גערעכטיקייט אויף דויערהאַפטע פונדאַמענטן."

די פּיטסבורגער קאָנפערענץ האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז דער באָדן אין דעם אידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז רייף געוואָרן פאַר אייניקייט אַרום אַ פּראָגראַם און פאָדערונגען, וואָס דרינגען אַרויס פון די אידישע נויטן, פון דער אידישער לאַגע איבער דער וועלט, און אַז די גרויסע איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט פון די אידן זיינען גרייט זיך צו אייניקן אויף אַזאַ מין פּראָגראַם, וואָס זאָל סיי רעאַגירן אויף דער באַלדיקער לאַגע און די דרינגענדיקע נויטן פון די אידן אין דער איצטיקער מלחמה־עפּאָכע, און וואָס זאָל פון דער אַנדערער זייט אויך גלייך אָנהויבן צוגרייטן אונדזערע פאָדערונגען, וואָס דאַרפן געבראַכט ווערן צום שלום־טיש, ווען דער טאָג פון רעכענונג מיט די שונאים פונעם אידישן פאָלק וועט קומען.

די דעקלאַראַציע פון דער אידישער סעקציע

מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם, וואָס אונדזער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן האָט פיל בייגעטראָגן צו העלפן רייף מאַכן דעם באָדן פאַר אייניקייט אין דעם אידישן לעבן, ווי אויך צו העלפן פאָרמולירן אַ פּראָ־גראַם וואָס קאָן זיין אָננעמבאַר פאַר אַלע אידן; אַזאַ פּראָגראַם, וואָס

זאָל העלפן לייזן אָט די אָנגעווייטיקטע אידישע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַרן אידישן פאָלק.

שוין אין אונדזער ערשטער דערקלערונג צו דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּיטסבורג דעם 23טן און 24טן יאַנואַר, 1943, אין דער אָנוועזנהייט פון פאָרטרעטער פון 32 נאַציאָנאַלע אידישע קערפּער־שאַפטן, האָבן מיר געזאָגט:

„אונדזער דערפאַרונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אידן אין אַמעריקע און אונדזערע באַציאונגען מיט די פאַרשיידענע אידישע אָרגאַניזאַציעס ברענגען אונדז צו דער איבערצייגונג, אַז עס הערשט שוין איצט איינשטימיקייט צווישן דער גרעסטער מערהייט פון די אַמעריקאַנער אידן וועגן די סאַמע וויכטיקסטע פּונקטן פאַר אַ געמיינשאַפטלעכער פּראָ־גראַם פון זיך און פאַר די ווייטערדיקע אָנשטרענגונגען פון דעם אידישן פאָלק.

„צום אַלעם ערשטן שטימען איין די אַמעריקאַנער אידן, אַז עס איז זייער ערשטע פליכט צו טאָן אַלץ וואָס איז אין זייערע מעגלעכקייטן צו פאַר־זיכערן דעם זיג פאַר אַמעריקע, און וואָס שנעלער אויסצוראָטן די פאַ־שיסטישע אַקס.

„צווייטנס, די אידן פון אַמעריקע שטימען איין, אַז די מלחמה איז נאָך נישט קיין געוואונענע און אַז די פאָרבאַדינגונגען פאַר דער איינ־שטעלונג פון דעמאָקראַטישער פרייהייט און פאַר אַ געזיכערטן דעמאָ־קראַטישן סטאַטוס נאָך דער מלחמה זיינען, אַז די אידן זאָלן פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן זייערע ביישטייערן דורך דער צייט פון דער מלחמה צו העלפן באַשטימען דעם צושטאַנד פון די אידן נאָך דער מלחמה.

„די אידן זיינען אַלע איינשטימיק, אַז גלייכע רעכט פאַר דעם אידישן פאָלק מוזן פאַרווירקלעכט ווערן אין יעדן געביט פון דעם לעבן פאַרן זיג און פאַר אַ דעמאָקראַטישן שלום נאָך דעם זיג. דאָס אידישע פאָלק איז איינשטימיק, אַז דיסקרימינאַציעס קעגן אידן און קעגן אַנדערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע גרופּן מוזן אָפּגעשאַפט ווערן, און אַז אַנטיסעמיטיזם זאָל געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ, אַלס אַ נאַצישע מכה, וואָס דראָעט מיט געפאַר דאָס סאַמע לעבן און די דעמאָקראַטיע פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק.

„די אידן זיינען איינשטימיק וועגן דעם, אַז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ זיג איז צו שטאַרקן די כחות פון די פאַראייניקטע פעלקער, אין

אז די פאראייניקטע פעלקער זאלן ווייטער פארזעצן זייער צוזאמענארבעט נאך דעם זיג פאר דעם איבערבוי פון אייראפע, פאר די דעמאקראטישע אינטערעסן פון אלע פרייע פעלקער. די אידן פון אמעריקע זיינען אויך פעסט אין זייער גלויבן, אז דער זיג פון דער איצטיקער מלחמה און דער צושטאנד נאך דער מלחמה וועלן אויפן בעסטן אופן קאנען באשטימט ווערן דורך פארשטארקן די קאאליציע פון אלע פירנדיקע מלוכות פון די פאראייניקטע פעלקער — אמעריקע, סאוועטן־פארבאנד און ענגלאנד.

„די באפרייאונג פון די אידן אין די נאצי־אקופירטע לענדער קאן אויפן בעסטן אופן פארווירקלעכט ווערן, און זייערע דעמאקראטישע און נאציאנאלע רעכט קאנען פארזיכערט ווערן אין די ראמען פון געמיינשאפטלעכער מיטארבעט פון דער אנגלא־סאוועטיש־אמעריקאנער קאאליציע צוזאמען מיט די פאראייניקטע פעלקער. כדי צו פארשנעלערן די באפרייאונג אין די נאצי־אקופירטע לענדער איז דרינגענדיק נויטיק, אז די אידן זאלן זיך מער באטייליקן אין דער מלחמה־רעליף, באזונדער אין דער רוסישער מלחמה־רעליף און שטיצן די רויטע ארמיי, נעמענדיק אין אכט די ריזיקע בייטראגן פון דער רויטער ארמיי, אירע קרבנות און העלדישקייטן אויף די שלאכטפעלדער קעגן דעם היטלעריזם.

„עס הערשט אויך איינשטימיקייט צווישן די אמעריקאנער אידן וועגן דעם, אז זיי קאנען ברענגען דעם גרעסטן בייטראג צו פארשטארקן דעם בונד און פריינטלעכקייט צווישן די פעלקער פון די „יונאיטעד נעישאנס” דורך פארשטארקן דעם בונד פון אקטיווער ברידערלעכקייט און סאלידארישקייט צווישן דעם אמעריקאנער אידנטום און די אידן פון סאוועטן־פארבאנד, צווישן די אמעריקאנער אידן און די אידן פון ענגלאנד, צווישן די אמעריקאנער אידן און די אידן פון דעם פאלעסטינער ישוב.

„הילף פאר דעם ישוב אין פאלעסטינע טאר ניט זיין די אויסשליסלעכע זארג פון די ציוניסטן. אלע אידן, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן צוגלייך, אנערקענען, אז דער ישוב אין פאלעסטינע איז אן איינגעגלידערטער און וויכטיקער טייל פון דעם אידישן פאלק. עס איז פראקטיש און רעאליסטיש היינטיקן טאג צו טראכטן אין טערמינען פון איניקייט מצד אלע אידן, צו ארבעטן געאייניקט און געמיינשאפטלעך פאר דעם רעכט פון דער אידישער נאציאנאלער געמיינדע אין פאלעסטינע, פאר אירע רעכט צו נעמען א פולן אנטייל אין די מלחמה־אנשטרענגונגען פון די

פאַראייניקטע פעלקער, אַלס אַ פרייע אָרגאַניזירטע אידישע נאַציאָנאַלע געמיינדע, און פאַר ברידערלעכער מיטאַרבעט צווישן דעם אידישן פאָלק און די אַראַבישע פעלקער.

„וועגן אָט־די אַלע וויכטיקע פראַגן הערשט אַ געמיינשאַפטלעכע פאַר־שטענדעניש און איינשטימיקייט צווישן דער גרעסטער צאָל פון די אמערי־קאַנער אידן. עס איז אונדזער האָפענונג, אַז די קאָנפערענץ, וואָס די „בני ברית" האָט צוזאַמענגערופן, וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג און וועט העלפן שטאַרקן און אויסברייטערן פאַראייניקטע אַקציעס פון דעם אידישן פאָלק אויף די וויכטיקסטע אישוס, וועגן וועלכע זיי זיינען אַלע איינשטימיק."

פון דער דערקלערונג ווערט קלאָר אונדזער פאָזיטיווע שטעלונג סיי צו דער פיטסבורגער קאָנפערענץ, סיי צו דער אידייע פון דער אידישער אַסעמבלי, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער פיטסבורגער קאָנפערענץ, אַן אַסעמבלי, וועלכע זאָל קאָנען רעדן אין נאָמען פון אַלע אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווי מיר האָבן אָפּגעשאַצט די פיטסבורגער קאָנפערענץ

קומענדיק צוריק פון דער פיטסבורגער קאָנפערענץ, וואו מיר זיינען געווען אַ באַאָבאַכטער, דעלעגירט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אונדזער אָרדן, האָבן מיר אין אונדזער באַריכט איבערגעגעבן, אַז כאָטש מיר האָבן בייגעוואוינט אַ סך וויכטיקע, גרויסע אידישע צוזאַמענקונפטן פאַר גרויסע און וויכטיקע צוועקן — און יענע צוזאַמענקונפטן זיינען גע־ווען אַ סך גרעסער, לויט דער צאָל פאַרטרעטער, וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. צו זיי האָט מען זיך געגרייט חדשים נאָכאַנאַנד, די גאַנצע אידישע פרעסע און די אַמעריקאַנער פרעסע בכלל האָט גערעדט וועגן יענע צוזאַמענקונפטן; זייער וויכטיקע פּראָבלעמען זיינען אויך דאָרטן געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג און געפאָדערט אַ לייזונג, — זיינען דאָך די רעזולטאַטן פון יענע צוזאַמענקונפטן געווען זייער קליינע.

גאָר אַנדערש וועלן זיין די רעזולטאַטן פון דער נאָר־וואָס אָפּגע־האַלטענער קאָנפערענץ. דאָס קאָן מען זאָגן מיט אַ היפּשער מאָס זיכער־קייט, ווען מען באַטראַכט ווי אַזוי די קאָנפערענץ איז דורכגעגאַנגען און מיט וואָס פאַר אַ גייסט זי איז געשלאָסן געוואָרן.

פאַרוואָס האָבן מיר געצויגן אָט די שלוסן פון דער פיטסבורגער

קאָנפערענץ? דער ענטפער אויף דער פראַגע איז זייער אַ פשוטער. די האַלטונג פון די הויפּט־פירער פון דעם ציוניזם און פון די פירער פון דעם אַמעריקאַנישן אידישן קאָנגרעס, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די רעדעס פון ריכטער מאָרים ראָטענבערג, דר. איזראַעל גאָלדשטיין און דר. נחום גאָלדמאַן, האָבן דאָס באַשטעטיקט. מיר האָבן אין דעם זעלבן באַריכט אָנגעוויזן:

מיר דאַרפן געדענקען, אַז די איבערוועגנדיקע צאָל דעלעגאַטן זיינען געווען פון דער ריכטונג פון דעם אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס און ווען זיי וואָלטן באַשטאַנען אויף דעם, אַז די קאָנפערענץ זאָל אָננעמען אַ ציוניסטישע פּלאַטפאָרמע, האָבן זיי דאָס געקאָנט אויספירן. זיי האָבן אָבער אויך געוואוסט, אַז דעמאָלט וואָלט ניט געווען קיין איינס קייט אין דעם אידישן לעבן. זיי האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע אחריות, וואָס ליגט אויף זיי, און האָבן געהאָלפן די פירער פון די בני ברית צו פאַרוואַנדלען די קאָנפערענץ אין אַזאַ קאָנסטרוקטיוון כח אין דעם אידישן לעבן, וואָס זאָל שאַפן דעם פונדאַמענט פון איינס קייט פאַר אַלע אידן.

ריכטער מאָרים ראָטענבערג, דר. איזראַעל גאָלדשטיין און דר. נחום גאָלדמאַן האָבן אַ סך ביי געטראָגן צום דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ. ריכטער ראָטענבערג האָט אויסגערופן מיט פּאַטאָס: מיר טאָרן ניט זיין קיין מאַקסימאַליסטן ביי דער קאָנפערענץ! מיר מוזן איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן. דאָס מיינט ניט, אַז מיר גיבן אויף אונדזער פּראָגראַם, אָדער אַז אַנדערע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן אויפגעבן זייער פּראָגראַם. דאָס אידישע לעבן איבער דער וועלט פאָדערט פון אונדז, אַז מיר זאָלן דאָס טאָן.

ראַבאַי איזראַעל גאָלדשטיין האָט געזאָגט: לאָמיר זיך אָנפאַנגען פאַרשטיין — די ציוניסטן און די ניט־ציוניסטן. איינס קייט דאַרפן מיר האָבן ניט נאָר כדי מיר, אידן, זאָלן ווערן אַ געאייניקטער כח, נאָר אויך כדי די ניט־אידן, וואָס זיינען אונדז גרייט צו העלפן, זאָלן דאָס קאָנען טאָן אויפן בעסטן אופן. אויב מיר וועלן זיך גלייך ניט פאַר־אייניקן, וועט זיין צו שפּעט.

דר. נחום גאָלדמאַן האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די אידן זאָלן ניט פאַרגעסן, אַז היטלער האָט פאַרסמט די וועלט קעגן אידן. און כדי דעם סם אָפּצוואווישן מוזן זיך די אידן פאַראייניקן, און אויב מען וויל זיך פאַראייניקן, קאָן מען ניט נוצן קיין מאַקסימאַלע פאָדערונגען.

וואָלטן אָט־די פירער ניט גענומען אַזאַ שטעלונג, איז געווען אַ געפאַר, אַז אַ צאָל סעקטאַנטישע פירער אין דעם ציוניזם זאָלן געווען פּרובירן פאַרוואַנדלען דעם צוזאַמענקונפט אין אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ. ס'איז איבעריק צו זאָגן, וואָס די רעזולטאַטן וואָלטן געווען. די פריערדיקע פאַר־זוכן אַזעלכע האָבן זיך געענדיקט דערמיט, וואָס די פּאַרטייאישע עלעמענטן אַליין זיינען געבליבן אַרום דער „נייער" באַוועגונג.

די דעלעגאַטן, וואָס זיינען אין פּיטסבורג געווען, זיינען באַהערשט געוואָרן פון דעם איין־איינציקן געפיל — געפינען אַ פאָרמולירונג אויף וועלכער אַלע זאָלן זיך קאָנען פאַראייניקן. איך געדענק אַזאַ מאָמענט זונטיק, איידער די זיצונג האָט זיך געשלאָסן, ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די „קאָמיטע אַן גאַידענס" (קאָמיטע פאַר פירערשאַפט) אַרבעט אַ גאַנצן פרימאָרגן און האָט זיך נאָך אַלץ ניט געאייניקט, האָט אַן אומרואיקייט באַהערשט די קאָנפערענץ. ווען עס איז גלייך נאָכ־מיטאָג קלאָר געוואָרן, אַז די קאָמיטע איז פאַרטיק, מיט אַ געאייניקטן באַריכט, האָט מען געזען אַ גוואַלדיקע צופרידנקייט ביי אַלע דעלעגאַטן אָן אויסנאַם.

און דער בעסטער באַווייז פאַר דער אחריותפולקייט און דער פּאָלי־טישער הויך פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ איז געווען דער באַשלוס אירער צו רופן אַ אידישע אַסעמבלי, אַן אַסעמבלי וואָס זאָל דערווײלט ווערן (מער אָדער ווייניקער) אויף דעמאָקראַטישע יסודות און קאָנען ווערן דאָס פאַראייניקטע קול פון דער אידישער אַמעריקע.

די פּיטסבורגער קאָנפערענץ האָט רעקאָמענדירט די פאָלגנדיקע דריי פּונקטן וועגן דעם, ווי אַזוי די אידישע אַסעמבלי זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן און צוזאַמענגערופן ווערן:

א) די אַמעריקאַנער אידישע אַסעמבלי זאָל באַשטיין פון ניט מער ווי 550 דעלעגאַטן. די קאָאָפּערירנדיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן באַשטימען 125 דעלעגאַטן. די אידישע קאָמיוניטיס, דורך לאָקאַלע און געגנט־קאָנפערענצן גערופן פאַר דעם צוועק, זאָלן דערווײלן 375 דעלעגאַטן. די צאָל דעלעגאַטן פון יעדן געגנט זאָל באַשטימט ווערן אויף דער באַזיס פון דער צאָל אידישע איינוואוינער. די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן דערווײלן זייערע דעלעגאַטן לויט זייערע אייגענע געזעצן. פאַרטרעטער־שאַפט אין די לאָקאַלע אָדער געגנט־קאָנפערענצן זאָל זיין באַזירט אויף דער צאָל מיטגלידער אין די אָרגאַניזאַציעס.

ב) עס ווערט רעקאָמענדירט צו דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע, אַז די פּאַר־טרעטערשאַפט פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין דער אמעריקאַנער אידישער אַסעמבלי זאָל זיין אויף דער באַזע פון גלייכהייט, אַזוי ווייט ווי מעגלעך.

ג) דער פּרינציפּ פון פּראָפּאָרציאָנעלער רעפּרעזענטאַציע זאָל אָפּ־געהיט ווערן אין די לאָקאַלע און געגנט־קאָנפערענצן, כדי צו פאַרזיכערן מינאָריטעט־רעפּרעזענטאַציע.

אָט־די פאָרמע פון וואַלן, אויב נאָר פולשטענדיק דורכגעפירט אין דעם גייסט ווי זי איז אָנגענומען געוואָרן, וואָלט געקאָנט צוזאַמענברענגען אַ אידישע אַסעמבלי, וואָס וואָלט פאַרטראָטן אַלע שטאַנדפּונקטן אין דעם אידישן לעבן, וואָלט געוואָרן דער אויסדרוק פון דעם אָרגאַניזירטן אידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און די אַסעמבלי וואָלט דעמאָלט מיט אַן אמת געקאָנט ווערן די שטימע פון די אַמעריקאַנער אידן.

וואָס איז פאָרגעקומען נאָך פּיטסבורג?

וואָס זיינען געווען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען נאָך דער פּיטס־בורגער קאָנפערענץ? וועלכע כחות האָבן געשטערט דאָס דורכפירן די באַשלוסן, וואָס די פּיטסבורגער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען? וועלכע כחות האָבן געזוכט אָראָפּצושלעפּן די אַסעמבלי פון יענער הויך, אויף וועלכער זי האָט זיך געקאָנט און געדאַרפט אַוועקשטעלן? וואָס דאַרף געטאָן ווערן, כדי אַרויסצופירן די אַסעמבלי פון די קרומע וועגן אויף וועל־כע די פירער פון דער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן זי אַרויפגעפירט, צוריק אַרויפ־ברענגען זי אויף יענע וועגן, אויף וועלכע עס דאַרף שטיין אַ קערפּערשאַפט, וואָס דאַרף דינען די ברענענדיקע אינטערעסן פון די אידישע מאַסן אויף דער וועלט? דאָס וועלן מיר פּרובירן באַהאַנדלען נאָך דעם ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט די ערשטע וויכטיקע פאַקטן.

דער כח פון דער אידישער אַסעמבלי ליגט הויפּטזאַכלעך אין צוויי פאַקטאָרן: ערשטנס, דער פאַקט וואָס די אַסעמבלי וועט קאָנען רעדן אין דעם נאָמען פון דער גרויסער איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס הייסט, — אין דעם פאַקט, וואָס ס'וועט זיין די גרעסטע אייניקייט אין דעם אידישן לעבן. און, צווייטנס, דאָס וואָס זי וועט ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאַרטייאישער אינסטיטוציע, נאָר זי וועט זוכן אָנצונעמען אַזאַ פּראָגראַם, אויף וועלכן עס קאָנען זיך אייניקן

אַלע שיכטן, אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן.

די ערשטע טרויעריקע סימנים ניט צו דערלאָזן, אַז די אידישע אַסעמבלי זאָל ווערן אַן אַל־אַרומנעמענדיקע קערפּערשאַפט פון אַלע, אמ־ווייניקסטנס אָרגאַניזירטע, אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן; די ערשטע טרויעריקע סימנים פון ניט דערלאָזן אַ פולשטענדיקע איינהייט האָבן זיך געוויזן נאָך איידער די פּיטסבורגער פּרעלימינאַרע קאָנפערענץ איז זיך צו־זאַמענגעקומען.

ווען מיר, די פירערשאַפט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער פּלאַנירטער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, האָבן מיר גלייך אַוועקגעשיקט די פאָלגנדיקע טעלעגראַמע צום פּרעזידענט פון בני ברית, מר. מאָנסקי, וועלכער איז געווען דער ספּעציעלער באַאיינרופער פון דער קאָנפערענץ, די טעלעגראַמע האָט זיך געלייענט:

„דעם 18טן יאַנואַר, 1943.

„אין דעם נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע, אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, באַגריס איך דעם בני ברית און אייך אַלס דעם פירער פון דעם בני ברית מיט אייער גרויסאַרטיקן באַשלוס צו רופן אַ פאַראייניקטע קאָנפערענץ פון אַלע נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס צו דיסקוטירן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונדזער לאַנד און די אידן.

„מיר זיינען זיכער, אַז דער פאַראייניקטער צוזאַמענקונפט וועט גאָר אַ סך העלפן דער פירערשאַפט פון אונדזער לאַנד צו מאָביליזירן אַלע אידן אין דער מלחמה־אָנשטרענגונג און מאָביליזירן די אידן צו העלפן באַזיגן דעם שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, דעם גרעסטן שונא וואָס די אידן האָבן ווען עס איז געהאַט, אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך. מיר ווינטשן אייער אונטערנעמונג דעם גרעסטן דערפאָלג.

„אונדזער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע גלויבט, אַז צווישן די 32 אָר־גאַניזאַציעס, וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער קאָנפערענץ, איז די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן מיט איר מיטגלידערשאַפט פון איבער 40 טויזנט אידן, ניט אויס־געלאָזן געוואָרן. אונדזער אָרדן האָט שוין געמאַכט אַ געהעריקן ביישטייער צו דעם זעלבן ציל, איינהייט. איך בין זיכער, אַז אונדזער אָרגאַניזאַציע אַלס אַ גאַנצע, מיט אירע 300 ברענטשעס אין 61 שטעט אין 29 שטאַטן פון לאַנד, וועט טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך דורכצופירן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן,
ר. זאַלצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר."

מיט צוויי טעג שפּעטער, דעם 20טן יאַנואַר, האָבן מיר באַקומען דעם פאָלגנדיקן ענטפער:

„בנוגע אייער טעלעגראַמע, לאָזן מיר אייך וויסן, אַז מיר לאַדן איין בלויז דורכאויס אידישע מיטגלידערשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, ניט קיין אַנ־געשלאָסענע אין אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס.

(אונטערגעשריבן) ביזגאַיער, בני ברית.‟

איז דאָס געווען בלויז אַ מיספאַרשטענדעניש?

ווי האָבן מיר רעאַגירט אויף דעם מערקווירדיקן ענטפער, וואָס מיר האָבן באַקומען פון מר. ביזגאַיער, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם בני ברית, וועלכער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ? מיר האָבן ניט געקאָנט אַנדערש ווי באַטראַכטן דעם טעלע־גראַפישן ענטפער ווי אַ מיספאַרשטענדעניש. און מיר האָבן זיך צוליב דעם ניט אָנגעברוגזט אויף דער אידייע אָדער אויף די איינרופער פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ. פאַרקערט, מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס מיר האָבן געקאָנט, אַלץ וואָס איז געווען אין אונדזערע כחות, כדי צו העלפן פּאָפּולאַריזירן די אידייע פון דער אידישער אַסעמבלי ביי די ברייטע אי־דישע מאַסן, ניט קוקנדיק צי מיר וועלן דאָרט זיין פאַרטראָטן, אָדער ניט. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז די פּיטסבורגער קאָנפערענץ, וועלכע איז זיך צוזאַמענגעקומען מיטן צוועק צו בויען איינִיקייט אין דעם אידישן לעבן, זאָל זיך גאָר דאַרפן אָפּגעבן מיט אונדזער פּראָבלעם, וואָס מר. ביזגאַיער האָט אַוועקגעשטעלט: צי מיר זיינען אַ אידישע אָרגאַניזאַציע אָדער ניט. מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר וועלן זוכן קלאָר צו מאַכן פאַר די פירער פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ אָט די מיספאַרשטענדעניש, און שוין טאַקע אין אונדזער ערשטער דערקלערונג, וועלכע מיר האָבן אויבן ציטירט, האָבן מיר געזאָגט, אַז:

„מיר ווילן קודם־כל אַריינברענגען קלאָרקייט בנוגע אַ וואַרשיינלעך אומריכטיקן באַגריף וועגן דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, וועלכע איז קלאַסיפיצירט געוואָרן אַלס אַ פאַרבונדענע מיט אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער אָרדן איז אַ פיל־פעלקערלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס באַ־שטייט פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע סעקציעס, און יעדע איינע פון די סעק־ציעס איז איינגעגלידערט אין דעם לעבן פון איר אייגענער נאַציאָנאַלער

גרופּע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

„דער אָרדן באַשטייט פון פערצן נאַציאָנאַלע גרופּן, פון וועלכע יעדע איינע איז אַ לעבעדיקער און חשובער טייל פון דער געמיינדע פון איר נאַציאָנאַלער מינדערהייט. יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע פון דעם אָרדן באַטייליקט זיך אין דעם פּאָליטישן לעבן און אין די קולטור־טעטיקייטן פון איר געגעבענער נאַציאָנאַלער גרופּע אַלס גאַנצע, און יעדע איינע זוכט גלייכצייטיק מיטצואַרבעטן מיט אַלע אנדערע אַנטי־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער געגעבענער געמיינדע. אַזוי, צום ביישפּיל, איז די פּויליש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אָרדן אַ וויכטיקער און לעבעדיקער טייל פון דער אַל־פּוילישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג, אין שפּיץ פון וועלכער עס שטייט דער פרעמיער שיקאָרסקי; די טשעכאָסלאָוואַקישע סעקציע פון דעם אָרדן איז אַ לעבעדיקער און חשובער טייל פון דער פאַראייניקטער טשעכאָסלאָוואַקישער נאַציאָנאַלער פרייהייט־באַוועגונג, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם פּרעזידענט בענעש. דאָס איז אויך אמת וועגן אַלע אנדערע נאַציאָנאַלע סעקציעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן.

„די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אָרדן באַטייליקט זיך אין דער פעדעראַציע פון אידישע טשאַריטיס, אין דעם „רויטן מגן־דוד", אין דעם אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף און נעמט אויך אַן אַנטייל אין דער קאַמפּאַניע פון דעם „יונאַיטעד דזשואיש וואָר עפאָרט". מיר גיבן אַרויס צוויי זשורנאַלן אין אידיש, מיר האַלטן אַן אַ אידישן פאַרלאַג און מיר פאַרמאָגן אַ ברייטע נעץ פון אידישע קינדער־שולן, אין וועלכע עס לערנען זיך אַרום 7,000 אידישע קינדער. די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט העכער 40,000 אידישע מיט־גלידער אין 300 לאָדזשעס, וועלכע געפינען זיך אין 61 אידישע געמיינדעס איבערן לאַנד.

„מיר האָבן אָבער ניט קיין פאַרלאַנג צו מאַכן דעם דאָזיקן ענין פאַר אַ שטרייט־פראַגע ביי דער קאָנפערענץ. אַלץ איינס צי די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אָרדן וועט יאָ אָדער ניט זיין פאַרטראָטן אויף דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, ווילן מיר אייך פונדעסטוועגן געבן אונדזער פאַרזיכערונג, אַז מיר וועלן ענטוזיאַסטיש שטיצן די קאָנצענטרירטע און פאַראייניקטע אַקציע פון דעם אַמעריקאַנעם אידנטום, וואָס איז געוועזן דער הויפּט־מאָטיוו פאַר דעם צוזאַמענרוף פון דער פּיטסבורגער קאָנפע־רענץ."

מיר האָבן מיט רעכט דערוואַרט, אַז דער דאָזיקער טעות וועט גוט־געמאַכט ווערן פון דער פירערשאַפט, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אין פיטסבורג איינצורופן די אידישע אַסעמבלי. ניט נאָר האָבן מיר אַזוי געטראַכט, נאָר אפילו דער פּאָליטישער באַאָבאַכטער פונעם „טאָג", וועל־כער איז אָנוועזענד געווען אויף דער קאָנפערענץ, האָט אין זיין אַרטיקל אין „טאָג" באַלד נאָך דער קאָנפערענץ געזאָגט דאָס פאָלגענדיקע:

„און אַז מען רעדט אויך פון די פּנים חדשות און פון דער צו־קונפטיקער דעלעגאַציע צו דער אַסעמבלי, איז אינטערעסאַנט אָנצו־צייכענען, אַז אין פּיטסבורג איז אויך געווען זאַלצמאַן, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און ער האָט, גלויב איך, געהאַט מיט זיך נאָך חברים, וואָס זיינען געווען אַנטשיידן פאַר דער קאָנפערענץ און פאַר דער אַסעמבלי.

„זאַלצמאַן איז ניט געווען קיין דעלעגאַט, פּשוט דערפאַר, וואָס מען האָט זיין אָרדן פון אָנהויב־אָן ניט איינגעלאַדן, פּונקט ווי מען האָט ניט איינגעלאַדן אַ סך אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. מר מאָנסקי האָט אויסגעקליבן בלויז 34 אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, הגם עס זיינען אין אַמעריקע פאַראַן וויניקסטנס צוויי מאָל אַזוי פיל. דער געדאַנק איז געווען צו האָבן אין פּיטסבורג „די וויכטיקסטע". אָט דערפאַר איז זאַלצ־מאַנס אָרגאַניזאַציע ניט צוגעלאָזן געוואָרן. אָבער עס וועט קיין וואונדער ניט זיין, אויב זי וועט צוגעלאָזן ווערן צו דער אַסעמבלי גופא. (אונטער־געשטראָכן פון מיר—ר. ז.)

אין די אינטערוויוס, וואָס דער „טאָג" האָט געהאַט מיט די וויכ־טיקסטע פאָרשטייער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס און וויכטיקע אידישע פערזענלעכקייטן, האָבן מער ווי איין פאָרשטייער פון די סאַמע חשובסטע—ווי מרס. דע סאָלאַ פּול, די פּרעזידענטין פון דער גרעסטער אידישער פרויען־אָרגאַניזאַציע, די הדסה; דר. נחום גאָלדמאַן, פירער פון דעם אַל־וועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, און אפילו דוד פּינסקי, וועלכער קומט פון דער גרופּע פון פּועלי־ציון, וועלכע האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן פולשטענדיקער איינקייט אין דעם אידישן לעבן — אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אויב די אידישע אַסעמבלי וויל אויף אַן אמת פאָרטרעטן אַלע אידישע ריכטונגען, טאָר קיין ריכטונג פון אידישן לעבן ניט אויסגעשלאָסן ווערן — יאָ, אויך די קאָמוניסטן דאַרפן איינגעשלאָסן ווערן אין אַזאַ אידישער אַסעמבלי, בפרט נאָך דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, וועלכער פאָרטרעט 41,000 אידישע אַרבעטער און קליין־בירגער, צווישן וועלכע, אין דער אָרגאַניזאַציע זעלבסט, געפינען זיך מיטגלידער פון פאַר־שיידענע ריכטונגען.

איז די אידישע סעקציע אַ א י ד י ש ע אָרגאַניזאַציע?

צו איינער פון די ערשטע זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי האָבן מיר זיך געווענדעט מיט דעם פאָלגנדיקן בריוו:

דעם 15טן מערץ, 1943.

„מר. הענרי מאָנסקי, פּרעזידענט, בני ברית,
1003 „קעי" סטריט, נ. וו.
וואַשינגטאָן, ד. ק.

„טייערער מר. מאָנסקי:

„די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן האָט, אויף איר זיצונג דעם 3טן מערץ, איינשטימיק באַשלאָסן צו פאָדערן פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער אידישער אַסעמבלי, אַז אונדזער אָרגאַניזאַציע זאָל צוגעלאָזט ווערן. מיר ווילן אייך לאָזן וויסן, אַז מיר ווילן זיך באַטייליקן אין די אָנקומענדיקע וואַלן פאַר דער אַסעמבלי, און, דורך אָט־דעם בריוו, ווענדן מיר זיך, אַז אונדזער אָרגאַניזאַציע זאָל אריינגענומען ווערן אַלס מיטגליד אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַסעמבלי.

„מיר פילן, אַז די אַסעמבלי קאָן און וועט זיין אַן אומגעהויער וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון דעם אידישן פאָלק. עס וועט זיין אין די בעסטע אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, ווי אויך פאַר דעם אַמעריקאַנעם אידנטום.

„מיר שיקן אייך דאָ ביינעלייגט אַ קאָפּיע פון אַ סטעיטמענט, וואָס אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט אייך צוגעשטעלט אויף דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ און אויך אַ קאָפּיע פון דעם אינטערוויו, וואָס אונדזער נאַ־ציאָנאַלער סעקרעטאַר האָט געגעבן צו אַ שרייבער פון דער אידישער צייטונג „טאָג", וואָס איז געווען געדרוקט אין יענער צייטונג דעם 2טן מערץ, 1943, אין וועלכן מיר האָבן קלאָר געמאַכט די פּאָליסי פון אונ־דזער אָרגאַניזאַציע. אָט־דעם אינטערוויו זעצן מיר איצט איבער, און אַ קאָפּיע פון דער איבערזעצונג וועלן מיר אין עטלעכע טעג אַרום אייך אַרויסשיקן.

„מיר האָבן דעם צוטרוי, אַז איר וועט אונדזער אַפּליקאַציע פאַר אָנ־שליסן זיך אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַסעמבלי געבן אייער פולסטע אויפמערקזאַמקייט, אין דעם זעלבן גייסט אין וועלכן מיר האָבן זי אייך פאָרגעלייגט, און מיר דערוואַרטן אייער גינסטיקן ענטפער. מיר פאַר־זיכערן אייך, אַז מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס עס איז אין אונדזער מאַכט

צו העלפן, אז אָט־די ווערטפולע אונטערנעמונג זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

אויפריכטיק אייער,
אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן,
ר. זאַלצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר.״

אויף דעם בריוו האָבן מיר דעם 23טן מערץ באַקומען אַן ענטפער פונעם סעקרעטאַר פון דער אידישער אַסעמבלי, מאיר ווייסגאַל, וועלכער האָט אונדז אינפאָרמירט:

„מערץ 22, 1943.

„טייערער מר. זאַלצמאַן:

„איך באַדויער אייך צו אינפאָרמירן, אַז אונדזער „קאָמיטע אַן אַדמישאָנס״ האָט געפונען פאַר אוממעגלעך אָנצונעמען אייער אַפּליקאַציע פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַסעמבלי.

„עס איז באַווילוקט געוואָרן אַריינצונעמען אַלס מיטגלידער אין דער אַסעמבלי בלויז אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַ נאַציאָנאַלע מיטגלידערשאַפט, מיט אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד און גיבן זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט אידישע אַקטיוויטעטן. אייער אָרגאַניזאַציע, כאָטש זי טוט אויסגעצייכנטע אַרבעט אויף איר געביט, קאָן ניט באַטראַכט ווערן אַלס נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ אידישער מיטגלידערשאַפט, ענלעך, לאָמיר זאָגן, ווי די „בני ברית״, אָדער די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

„מיר בעטן אייך, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז דאָס שטעלט ניט אַוועק אייער אָרגאַניזאַציע אין אַ שלעכטער ליכט. די אורזאַך פאַרוואָס אונדזער קאָמיטע איז ניט אין שטאַנד אָנצונעמען אייער אַפּליקאַציע, איז בלויז צוליב די באַגרענעצונגען, וואָס זיינען אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך די רולס, וואָס די קאָנפערענץ אין פּיטסבורג האָט אָנגענומען.

„די קאָמיטע האָפט פונדעסטוועגן, אַז אייער אָרגאַניזאַציע וועט זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די אַלגעמיינע וואַלן, וואָס וועלן אָפּגעהאַלטן ווערן, צו דערוויילן דעלעגאַטן צו דער דאַזיקער אַסעמבלי, דורך פאַרשיידענע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן פאַר דעם צוועק אָרגאַניזירט ווערן.

מיט דרך ארץ,
אייערער,
(אונטערגעשריבן) מאיר ווייסגאַל,
מיטגליד פון דעם סעקרעטאַריאַט,
אַמעריקאַנער אידישער אַסעמבלי.״

דער ענטפער, האָט אונדז, נאַטירלעך, ניט געקאָנט צופרידנשטעלן, ווייל מיר ווייסן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אייין אָרגאַניזאַציע אין דעם אידישן לעבן,

וואָס גיט זיך אָפּ מער מיט דער אידישער קולטור, מיט אידישע אַקטיוויטעטן, ווי די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. מיר האָבן אין אונדזער ענטפער אויף דעם בריוו פון דער אַסעמבלי, דאַטירט דעם 22טן מערץ, צוגעגעבן צו די פאַקטן וואָס מיר האָבן אָנגעגעבן אין אונדזער ערשטער פּיטסבורגער דערקלערונג, נאָך אַ ריי פאַקטן, וואָס האָבן געדאַרפט פולשטענדיק איבערצייגן די פירער פון דער אַסעמבלי אין דער גערעכטיקייט פון אונדזערע טענות און אין דער נויטיקייט צו ענדערן די אומגליקלעכע שטעלונג וואָס עס האָבן גענומען צו אונדז איייניקע באַאַמטע פון דער קאָמיטע, וואָס האָט צונויפגערופן די פּיטסבורגער קאָנפערענץ. מיר האָבן אין אונדזער ענטפער צו דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי אָנגעוויזן, אַז:

„. . . אונדזער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע האָט אין דעם לעצטן יאָר בייגעטראָגן ווייט אַריבער הונדערט טויזנט דאָלער צו דעם אידישן קאָונסיל פאַר „ראָשיען וואָר רעליף". מיר וואָלטן געראָטן, אַז אייער קאָמיטע זאָל זיך אָנפרעגן ביי איינעם פון אייערע חשובע מיטגידער, ביי דעם גראַנד־מאַסטער פון דעם אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם, מר. הערמאַן האָפמאַן, וועגן דעם הערלעכן בייטראָג, וואָס אונדזער אָרדן האָט געמאַכט אויף דעם געביט.

„ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר באַקומען אַן איינלאַדונג פון מר. נעיטן שטראַוס, קאָ־טשערמאַן פון דעם „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל", אין וועלכן ער שרייבט, צווישן אַנדערעס:

„מיר ווייסן, אַז די אַרבעטנדיקע מענטשן, וועלכע זיינען פאַרטראָטן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, וועלן זיך וועלן פריי באַטייליקן אין אונדזערע אָנשטרענגונגען צו ברענגען רעליף צו אונדזערע ברידער, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם. מיר זיינען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז אייער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין פאַרטראָטן אין אונדזער „לעיבאָר יוניאָן קאָונסיל". מיר וואָלטן זייער אָפּגעשאַצט די מעגלעכקייט פאַרצוברענגען אונדזער פּראָגראַם אויף אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן."

„אויף דעם לעצטן מיטינג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע, אויסהערענדיק דעם פאַרטרעטער פון דעם „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל," האָבן מיר איינשטימיק באַשלאָסן אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אין דער קאַמפּאַניע און ווערן אַ טייל פון דער אידישער אַרבעטער־אַפּטיילונג ביי דעם „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל".

„דעם 30טן מערץ, 1943, האָבן מיר באַקומען אַן אַפּיל פֿון עדוואַרד א. נאָרמאַן, פּרעזידענט פֿון „אַמעריקען פֿאָנד פֿאָר פּאַלעסטיניען אינסטיטושאָנס”, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערעס:

> „מיט דעם בריוו שיקן מיר אייך אונדזער אַפּליקאַציע פֿאַר א געלט־באַשטימונג פֿון דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן.
>
> „מיר בעטן אייער סעקציע פֿון אָרדן פֿאָרזיכטיק צו באַטראַכטן אונדזער אַפּיל און געבן אייער צושטימונג צו דער אַרבעט, וואָס מיר טוען, דורך אייער באַדייטנדיקער שטיצע, וואָס וועט אונדז דערמעגלעכן ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזער פּאַראייניקטער פּראָגראַם.”

„אונדזער אָרדן איז געווען איינע פֿון די ערשטע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿולן סעט טעקסט־ביכער פֿאַר די אידישע קינדער־שולן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אונדזער פֿאַרלאַג איז איינער פֿון די אָנגעזעענסטע אינסטיטוציעס אין דעם אידישן לעבן און האָט ארויסגעגעבן מער אידישע ביכער, ווי וועלכער עס איז אַנדער פֿאַרלאַג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אונדזער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פֿירט אָן די ברייטסטע קולטור־ארבעט צווישן די אידישע מאַסן.

פֿאַרוואָס האָט די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע דורכאויס געוואָלט זיין אַ טייל פֿון דער אַסעמבלי?

און ווייטער האָבן מיר אין אונדזער דאָקומענט געזאָגט:

„פֿאַרוואָס זיינען מיר אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן זיין אַ טייל פֿון דער באַוועגונג פֿאַר אַ אידישער אַסעמבלי? דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן די פֿולע איבערצייגונג, אַז די קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין פּיטסבורג, איז געווען אַ היסטאָרישע געשעעניש אין דעם אידישן לעבן און האָט אַוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַ פֿאַראייניקטער אידישער אסעמבלי, אין וועלכער אלע ריכטונגען און שאַטירונגען פֿון דעם אידישן לעבן קאָנען און דאַרפֿן זיך באַטייליקן. מיר זיינען אויך פֿאַראינטערעסירט דערפֿאַר, ווייל מיר האַלטן, אַז אונדזער באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער אסעמבלי וועט זיין פֿאַר די בעסטע אינטערעסן פֿון דער אַסעמבלי זעלבסט. מיר וועלן ניט נאָר ברענגען אונדזערע 41 טויזנט מיטגלידער און זייערע משפּחות ווי אַ טייל פֿון דער אידישער אַסעמבלי. נאָר מיר וועלן טאָן אַלץ אין אונדזערע כחות צו העלפֿן ברענגען אַזוי פֿיל

פָאלקס־אָרגאַניזאַציעס ווי ס׳איז נאָר מעגלעך, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אָט־דער גרויסער און הייליקער אַרבעט, וואָס עס האָט אונטערגענומען די אַמעריקאַנער אידישע אַסעמבלי־עקזעקוטיווע. מיר ווילן קלאָר מאַכן פאַר אייך, מר. מאָנסקי, אַז בלויז די פראַגע וועגן דעם, צי מען זאָל צו־לאָזן די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, איז פאַר זיך אַליין אַן אויסדרוק פון אַ קראַנקער לאַגע אין דעם אידישן לעבן, און איז אַ באַליידיקונג, סיי פאַר די אידישע מאַסן בכלל, און סיי פאַר דער אידישער אַסעמבלי בפרט. גראָד די אידישע אַסעמבלי וואָלט באַדאַרפט שטעלן פאַר זיך אַלס אַ וויכטיקע אויפגאַבע — אויסצו־היילן אָט־די שרעקלעכע קראַנקהייט אין דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר פרעגן: וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט אַ אידישע אַסעמבלי, וועלכע פאָדערט דעמאָקראַטישע רעכט פאַר די אידן אין אַלע לענדער, וועל־כע טרעט אַרויס קעגן אַלע דיסקרימינאַציעס קעגן אידן, און זי אַליין — די אידישע אַסעמבלי — זאָל אויסשליסן צענדליקער טויזנטער אידישע פאַ־מיליעס, צונעמען ביי זיי דאָס רעכט און די געלעגנהייט פאָרצוברענגען זייערע מיינונגען, זאָגן זייער וואָרט און געבן זייער הילף צו די אָנגע־ווייטיקסטע פּראָבלעמען אין דעם אידישן לעבן? און עס פרעגט זיך טאַקע: וואָלט אַ אידישע אַסעמבלי, פּראַקטיצירנדיק דיסקרימינאַציעס ביי איר געבורט, געקאָנט מיט אַ ריינעם געוויסן פאָדערן אַלע רעכט פאַר די אידן אין אַלע לענדער? וואָלט אַזאַ פּאָליטיק ניט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די פאַשיסטן, אין די הענט פון די פינצטערע רעאַקציאָנערן און אַנטי־סעמיטישע עלעמענטן ביי אונדז אין לאַנד? איז דען מעגלעך אַן אמת־דעמאָקראַטישע אידישע אַסעמבלי, פון וועלכער עס זאָל אויסגעשלאָסן ווערן אַ געזונטער, לעבעדיקער טייל פון דעם אידישן פאָלק?

„מיר ווילן אונטערשטרייכן, אַז בלויז אַ באמת־פאַראייניקטע אַסעמ־בלי, וועלכע וועט אין זיך איינשליסן אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין דעם אידישן לעבן, קאָן באמת ווערן אַ מוסטער פון דעמאָקראַטיע. בלויז אַזאַ אַסעמבלי וועט געווינען דעם פולסטן צוטרוי פון די אמעריקאַנער אידן. בלויז אַזאַ אסעמבלי וועט קאָנען אויפהויבן הויך איר שטים פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אידן איבער דער גאַנצער וועלט. בלויז אַזאַ אַסעמבלי וועט קאָנען ברענגען דעם גרעסטן נוצן אונדזער אידישן פאָלק.

„עס איז דערפאַר אונדזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז דער באַשלוס

פון דער „אדמישאָן קאָמיטע" דאַרף רעווידירט ווערן. מיר האָפן, אַז דאָס וועט געטאָן ווערן אין די בעסטע אינטערעסן פון דער עטאַבלירונג פון פולשטענדיקער אייניקייט אין דעם אידישן לעבן, כדי אַלע צוזאמען זאָלן קאָנען לייזן די סאַמע ברענעדיקסטע און אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, די אידן איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז דער חוב פון דער אידישער פירערשאַפט פון אַלע ריכ־טונגען צו פאַרגעסן איצט די פונקטן, וועלכע טיילן אונדז פאַנאַנדער, און זייער גוט געדענקען די אַלגעמיינע פונקטן, וואָס פאַראייניקן אונדז — אָט־די אַלגעמיינע פונקטן, אויף וועלכע עס ליידט אַזוי און בלוטיקט אַזוי דאָס אידישע פאָלק; אָט־די אַלגעמיינע פונקטן, אויף וועלכע אַלע אידן פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען קאָנען מסכים זיין — אַז מיר דאַרפן טאָן אַלץ אין אונדזערע כחות אָט־די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען צו לייזן."

אַוועקשיקנדיק אונדזער ענטפער אויפן בריוו פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי, וואו מיר האָבן מיט רעכט קריטיקירט דעם ערשטן טייל פון זייער בריוו צו אונדז און פאַרלאַנגט אַז דער טייל זאָל נאָך אַמאָל רעווידירט ווערן פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי און אַז מיר זאָלן צוגעלאָזן ווערן ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער טייל, האָבן מיר אָבער דאָך מיט צופרידנקייט אָנגענומען דעם לעצטן פּאַראַגראַף פון מר. ווייסגאַלס בריוו, וועלכער האָט גערופן אונדזער אָרדן אַקטיוו זיך צו באַ־טייליקן אין די וואַלן פון דער אַסעמבלי. מיר שטרייכן אונטער נאָך אַמאָל דעם פּאַראַגראַף:

„די קאָמיטע האָפט פונדעסטוועגן, אַז אייער אָרגאַניזאַציע וועט זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די אלגעמיינע וואַלן, וואָס וועלן אָפּגעהאַלטן ווערן, צו דערוויילן דעלעגאַטן צו דער דאָזיקער אַסעמבלי, דורך די פאַרשיידענע לאָקאַלע אָרגאַניזאציעס, וועלכע וועלן פאַר דעם צוועק אָרגאַניזירט ווערן."

האָט זיך דען גענויטיקט קלאָרער אויסצודריקן דעם געדאַנק, אַז די עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי וויל אַז אונדזער אָרדן זאָל זיך אַקטיוו באַ־טייליקן אין וואַלן פון דער אַסעמבלי איבערן גאַנצן לאַנד? מיר האָבן אין דעם פּאַראַגראַף פון דעם אָפיציעלן בריוו פון מר. ווייסגאַל געזען דעם ערשטן וויכטיקן זיג פון די אייניקייט־כחות קעגן די שטערערישע עלע־מענטן אין דעם אידישן לעבן, וואָס האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן גע־קאָנט כדי צו שטערן די אידישע אייניקייט אַרום דער אַסעמבלי. און מיר, די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם

אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, האָבן זיך גענומען גרייטן צו די וואַלן פון דער אידישער אַסעמבלי; ניט נאָר צוגרייטן אונדזער אייגענע אָרגאַני־זאַציע, נאָר טאַקע צו העלפן די פירער פון דער אידישער אַסעמבלי אויפ־צוּוועקן די ברייטע אידישע מאַסן, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין די וואַלן; העלפן דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי צוזאַמענצו־ברענגען אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, אַלע, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, אַזוי אַז די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן ווייזן אַ ביישפּיל ווי אַזוי צו פאַראייניקן אַלע אידן, כדי צו ענטפערן אויף די אידישע נויטן, כדי צו ענטפערן אויף די נויטיקסטע אידישע פראַגן וואָס נאָר אַן אמת־פאַראייניקטע קערפּערשאַפט קאָן ענטפערן. און ניט נאָר פאַר די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך פאַר די אינטערעסן פון די אידן איבער דער וועלט.

מיר האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ניט נאָר אויסער דער אַסעמבלי, נאָר אַז אויך אין דער אַסעמבלי גופא און טאַקע אייניקע קאָרפּן־קעפּ פון דער אַסעמבלי וועלכע זיינען געווען וויכטיקע פירער אין פּיטס־בורג און וועמען עס זיינען אָנפאַרטרויט געוואָרן זייער וויכטיקע אמטן, טאַקע די סאַמע וויכטיקסטע, דורכצופירן די דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער אַסעמבלי — אַז זיי וועלן דורכפירן מאַנעוורעס וואָס זאָלן אָוועקשטעלן די אידישע אַסעמבלי אין אַ שלעכטער פּאָזיציע. די אידישע אַסעמבלי האָט שוין פאַר דעם טייער באַצאָלט, און ווער ווייס צו וועלכע שלעכטע קאָנ־סעקווענצן דאָס קאָן נאָך פירן. לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט ניט פאַסירן. לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע פאַקטן צו באַשטעטיקן, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט:

די ראָלע פון דעם „פאָרווערטס”, די פירער פון די פועלי־ציון, און די ליפּסקי־גרופּע אין דער פאַרשווערונג קעגן דער אַסעמבלי

דער „פאָרווערטס” האָט אפילו ניט אָפּגעדרוקט דעם ערשטן רוף, וואָס מר. מאָנסקי, פּרעזידענט פון דער בני־ברית און דער באַאייַנרופער פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, האָט פונאַנדערגעשיקט צו דער אידי־שער פּרעסע פאַר דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 23טן און 24טן יאַנואַר, 1943. דער „פאָרווערטס” האָט אפילו ניט אָפּגעדרוקט קיין איין שטיקל נייעס. דער „פאָרווערטס” האָט גענוצט זיין

אַלטע מעטאָדע — פאַרשווייגן, באַיקאָטירן — אפשר וועט זיך איינגעבן צו פאַרניכטן די אייניקייט־קאָנפערענץ נאָך איידער זי קומט זיך צוזאַמען.

די אַנדערע אידישע צייטונגען האָבן באַהאַנדלט די פּיטסבורגער־קאָנ־פערענץ ניט מיט קיין גוואַלדיקן ענטוזיאַזם, אָבער דאָך זי פּאָזיטיוו גע־שטיצט. (די „מאָרגן־פרייהייט", געטריי צו איר פּאָליסי פון בויען אייני־קייט אין אידישן לעבן, האָט אָפּגעדרוקט ניט נאָר אַלץ וואָס איז געשיקט געוואָרן פון די פירער פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, נאָר אַ ריי אַרטיקלען און עדיטאָריעלס, וואָס האָבן געשטיצט די באַוועגונג.)

נאָך דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, ווען די גאַנצע אידישע פּרעסע, מיטן אויסנאָם פון דעם „פאָרווערטס", האָט געגעבן ברייטע אָפּשאַצונגען וועגן דער קאָנפערענץ, געלויבט די ערשטע שריט פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, האָט דער „פאָרווערטס" דערפילט, אַז מען קאָן די באַוועגונג מער ניט איגנאָרירן. האָט ער אָנגעהויבן זיינע אַטאַקעס, חוזק מאַכן פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, אַרונטעררייסן די קאָנפערענץ. פּאָגעלמאַן, אין זיין אַרטיקל פון דאָנערשטיק, דעם 28טן יאַנואַר, שרייבט:

„און מעסטנדיק מיט אַט־דער מאָס די נייע געזעלשאַפטלעכע אידי־שע אונטערנעמונג אין פּיטסבורג, מוז זיך ליידער באַקומען דער איינ־דרוק, אַז עס איז דערוויל געשאַפן געוואָרן דאָרט אַ שמאָלער באָדן פאַר אַ פאַראייניקונג פון די אַלע געזעלשאַפטלעכע כחות אין דעם אַמערי־קאַנער אידישן לעבן, אַז דערוויל זעט עס אויס ווי אַן ענג־ציוניסטישע אונטערנעמונג, וואָס האָט אפשר באַרעכטיקונג אין דעם אידישן לעבן, אָבער וואָס קאָן דערוויל ניט דינען אַלס צעמענט פאַר אַ ברייטער און פעסטער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג."

אָבער דער „פאָרווערטס" באַנוגנט זיך ניט מיט פּאָגעלמאַנס אַטאַקע. צביון גיט דער פראַגע אָפּ די גאַנצע „אידישע אינטערעסן" פון שבת, דעם 6טן פעברואַר, און ער זאָגט וועגן דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ ניט מער און ניט ווייניקער ווי:

„וועגן וועלכער אידישער אייניקייט ליאַרעמען די אַלטע פּראָפעסיאָ־נעלע אחדות־שרייער, ווען די אידישע קאָמוניסטן זוכן אַריבער־צושרייען?

„עס איז אַן אייניקייט־געשריי, הינטער וועלכן עס איז פאַרשלייערט אַ מאַנעוורע אַרויפצוצווינגען דעם פּאָליטישן ציוניזם אויף אַזעלכע גרופּן, וואָס גלויבן אין אים ניט.

„דאָס איז אַ טאָטאַליטאַרישע אייניקייט, אַן אייניקייט וואָס ווערט אַרויפגעצוואונגען פון איין פּאַרטיי, און אַז איין פּאַרטיי זאָל באַהערשן דאָס אידישע לעבן . . .

„איצט האָבן מיר אַ נייע מאַנעוורע מיט אַ אידישער „אַסעמבלי", וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין פּיטסבורג.

„איך גלויב אין אַלגעמיין ניט, אַז אין דער גרויסער פרייער אידי־שער אַמעריקע קאָן אַן „אַסעמבלי", וואָס האָט אפילו ניט קיין מאָראַלע דיסציפּלינאַרע מאַכט, עפּעס אויפטאָן. אָבער איך וואָלט דאָ אין דער פּראַגע אַריינגעגאַנגען טיפער, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן שאַפן נייע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען אין דעם היגן אידישן לעבן און אים מער צענטראַליזירן. איך וואָלט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דאָס קאָן קיין דערפאָלג ניט האָבן. אָבער פאַקטיש האַנדלט זיך עס ווידער אַ מאָל וועגן אַ נייער מאַנעוורע פון די ציוניסטן צו שאַפן אַ טאָטאַליטאַרע אייניקייט און אַז זיי זאָלן זיין די איינציקע הערשנדע מאַכט אין דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן. דאָס איז אַ נייע פּראָבע ארויפצוצווינגען דעם פּאָליטישן ציוניזם אויף יענע אידישע גרופּירונגען, וואָס גלויבן אין אים ניט."

ווער איז געשטאַנען הינטער די „פּאָרווערטס"־אַטאַקעס? וואָס איז געווען זייער ציל? עס איז קלאָר, אַז הינטער די אַטאַקעס און דעם „פאָר־ווערטס" זיינען געשטאַנען די פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט — די אַנטי־אייניקייט און אַנטי־סאָוועטישע כחות. דאָס זיינען די עלע־מענטן אין דעם אידישן לעבן, וואָס זיינען צו יעדער צייט גרייט געווען אפילו ברענגען אַלע אידן אַלס קרבן, אַבי קיין אייניקייט זאָל ניט געשאַפן ווערן אין אידישן לעבן.

זייער ערשטער ציל איז געווען אונטערצוגראָבן דעם פּרעסטיזש פון דער אידישער אַסעמבלי. נאָך איידער עס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן די פּיטסבורגער קאָנפערענץ אין סוף יאַנואַר, 1943, האָט שוין דער סעקרעט־טאַר פון דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט זיך דערלויבט צו שרייבן דאָס פאָלגענדיגע:

„עס פעלט בלויז", שרייבט י. פּאַט, „אַז מיר, און די פרויען־פּיאָ־נערן, און די בני־ברית און די פּועלי־ציון זאָלן זיך אין פאַרלויף פון אַנדערטהאַלבן טעג דורכרעדן און באַשליסן וועגן די אידישע שלום־פאָדערונגען און וועגן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

„הערט אַ מעשה! אַ פאָלק ווערט אויסגעסמט, אויסגעקוילעט און מיר וועלן זיצן אין אַ פּיטסבורגער האָטעל און אַרומרעדן די אידישע שלום־פאָדערונגען און וועגן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

„איך לייג אָפּ דעם בריוו. עס איז איצט ניט מיין געדאַנק און מיין האַרץ צו קאָמיש־טראַגישע וויצן."

און ווען מען האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז חוזק מאַכן אַליין וועט ניט העלפן, און אַז דאָס צום טויט פאַרשווייגן וועט אויך ניט העלפן, און אַז

באַיקאָטירן די אַסעמבלי וועט זיך אויך ניט לאָזן, וועט מען דערוויל אָנפאַנגען פירן פאַרהאַנדלונגען, אַרויסשטעלן פאָדערונגען. איינע פון די הויפּט פאָדערונגען זאָל זיין, אַז די לינקע, די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זאָלן ניט צוגעלאָזן ווערן אין דער אַסעמבלי, און דערמיט וועט זיין דערגרייכט דער ערשטער צוועק, די ערשטע שריט ניט צו דערלאָזן צו פולשטענדיקער אייניקייט.

און ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די געפאַר קאָן נאָך אַלץ זיין אַ גרויסע, אַז אויב דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן „פאָרווערטס״ זאָלן אפילו באַשליסן ניט גיין צו דער אַסעמבלי, וועלן דאָך אַ סך יוניאָנס און אַרבעטער רינג ברענטשעס יאָ גיין און דאַן קאָן זיך נאָך חלילה אין דער אמתן אַרויסווייזן דער באַנקראָט פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין זיין נעבעכדיקער איינפלוס צווישן די ברייטע מאַסן, האָט מען אויסגעאַרבעט דעם נייעם „טריק״: דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט גייט ניט צו די וואַלן, ווייל די וואַלן זיינען דאָך ניט לויט די כללים פון דעמאָקראַטיע, וואָס די פירער פונעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט זיינען געוואוינט צו נוצן; נאָר וואָס־זשע דען? מען וועט שיקן פאַרטרעטער בלויז פון די נאַציאָנאַלע און צענטראַלע קערפּערשאַפטן. וועט דאָס הייסן צופרידנשטעלן די וואָס ווילן גיין צו דער אַסעמבלי, אָבער גלייכצייטיק וועט מען דערמיט אַרונטעררייסן די אַסעמבלי פאַר די ברייטע אידישע מאַסן. און אויב מען קאָן זי ניט ברעכן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב, וועט מען אַריינגיין אינעווייניק און פּרובירן אַרונטעררייסן דעם פּרעסטיזש פון דער אַסעמבלי, ברעכנדיק זי פון אינעווייניק.

ווי אַזוי האָבן זיי דורכגעפירט אָט־דעם „דזשאַב״? מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן אין די רייען פון דעם ציוניזם אַ גרופּע „רעד־בעיטערס״. דאָס איז די סיגאַל־גרופּע צווישן די פּועלי־ציון, וואָס זיינען אָפיציעל כלומרשט פאַר אייניקייט, נאָר אין דער אמתן פירן זיי אָן אַ שפּאַלטונג־פּאָליטיק די גאַנצע צייט זינט די אַסעמבלי־אידייע איז געבוירן געוואָרן. פאַר די פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פאַר דער „פאָרווערטס״־קליקע איז דאָס געווען זייער אַ באַקוועמע פּאָזיציע: באַנוצן זיך מיט דער סיגאַל־גרופּע קעגן שאַפן אייניקייט סיי אין די וואַלן צווישן די ברייטע אידישע מאַסן, סיי אינעווייניק אין דער אַסעמבלי. און ווען מ׳וועט נאָך צורעכענען דעם פאַקט, וואָס לואיס ליפּסקי, איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם,

ווען עס איז אָנפּאַרטרויט געוואָרן דער וויכטיקסטער פּאָסטן, דער פּאָסטן פון טשערמאַן פון דער נאַציאָנאַלער וואַל־קאָמיטע, אַז ער, לואיס ליפּסקי, איז צוגעשטאַנען צו דער פּועלי־ציון גרופּע, איז קלאָר אַז דעמאָלט האָט זיך פולשטענדיק באַקומען דאָס, וואָס דאָס אָנפירנדע געזינדל פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און פון „פאָרווערטס" האָבן געוואָלט. זיי האָבן באַוויזן, צוזאַמען מיט די עלעמענטן, אין אַ גרויסער מאָס אַרונטערצורייסן דעם פּרעסטיזש פון דער אַסעמבלי און ניט דערלאָזן צו פולשטענדיקער אייניקייט אין דעם אידישן לעבן.

פלוצלונג האָט לואיס ליפּסקי זיך גענומען אויסטייטשן דעם אָפיציעלן בריוו פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי צו דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. דוכט זיך, אַז עס איז ניט געווען אין דעם בריוו וואָס צו טייטשן. מען האָט דעם אָרדן אָפּגעזאָגט פאָרטרעטערשאַפט אַלס אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט צוליב דעם, וואָס דער אָרדן איז אַ „נאָן־סעקטעריען"־אָרגאַניזאַציע. דערביי האָט אָבער דער בריוו פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי קלאָר געמאַכט דעם באַשלוס, אַז דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן זיך באַטייליקן אין די וואַלן:

„די קאָמיטע האָט פונדעסטוועגן, אַז אייער אָרגאַניזאַציע וועט זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די אַלגעמיינע וואַלן, וואָס וועלן אָפּגעהאַלטן ווערן און דערוויילן דעלעגאַטן צו דער דאָזיקער אַסעמבלי, דורך די פאַרשיידענע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן פאַר דעם צוועק אָרגאַניזירט ווערן."

איז אַזוי שנעל ווי עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די ערשטע דיסקרימי־נאַציעס קעגן דעם אָרדן און די נאַציאָנאַלע וואַל־קאָמיטע האָבן באַקומען דעם ערשטן אַפּיל פון פּיטסבורג, האָט ליפּסקי, אָנשטאָט געבן אַ קלאָרן ענטפער, צוגעשיקט דעם פאָלגנדיקן בריוו:

דעם 12טן מאַי, 1943.

„מר. סעמועל פּעוזנער, עקז. סעק.,
וועסטערן פּענסילווייניע דיסטריקט,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן,
פּיטסבורג, פּאַ.

ווערטער הער:
„אויף אייער בריוו פון דעם 8טן מאַי קאָנען מיר אייך ענטפערן, אַז לויט די געזעצן פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ איז „יעדע לאָקאַלע אידישע מיטגלידערשאַפט־גרופּע וועלכע איז אָרגאַניזירט

געווארן און האט פונקציאנירט פאר דעם 7טן דעצעמבער, 1941, און באשעפטיקט זיך מיט אנערקענטע אידישע אקטיוויטעטן, מיט א מיטגלידערשאפט פון איבער 50, בארעכטיקט צו נאמינירן און שיקן א דעלעגאט אדער דעלעגאטן צו דער לאקאלער קאנפערענץ און אנטיילנעמען אין די וואלן פאר דעלעגאטן צו דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ". לויט דעם געזעץ דארפן אייערע לאקאלע גרופן פון דער אידישער סעקציע פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן זיך רעגיסטרירן ביי דער לאקאלער וואל־קאמיטע, וואס ווערט איצט צוזאמענגעשטעלט פון די „קאנווינערס" וואס זיינען באשטימט געווארן מיטן צוועק צו ארגאניזירן די וואלן אין פיטסבורג. אויב אייערע ארגאניזאציעס קאנען באווייזן, אז זיי האבן די נויטיקע אייגנשאפטן אלס אידישע מיטגלידערשאפט־ארגאניזאציעס, באשעפטיקט מיט אנערקענטע אידישע אקטיוויטעטן, בין איך זיכער, אז די לאקאלע קאמיטע וועט געבן אייער אפליקאציע די אויפמערקזאמקייט צו וועלכער זי איז בארעכטיקט.

„איך האלט, אז עס איז נויטיק צו באמערקן, אז די אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ האט ניט געקאנט נעמען אין באטראכט אין דער דערוויילונג פון נאציאנאלע מיטגלידערשאפט־ארגאניזאציעס אזעלכע גרופעס אידן וועלכע מען קאן געפינען אין ארגאניזאציעס וועמעס צוועקן זיינען ניט אויסשליסלעך אידישע. זי האט, למשל, ניט געקאנט באטראכטן די גרופעס אידן ארגאניזירט אין „מייסאניק לאדזש", אדער אזעלכע גרופעס ווי עס געפינען זיך אין די „נאיטס או פיטיעס" אדער אין די „אד פעלאוס". אזעלכע לאקאלע גרופעס אידן קאנען אבער ארויסקומען און באווייזן, אז חוץ דעם וואס זיי זיינען א אידישע גרופע זיינען זיי אויך באשעפטיקט אין אנערקענטע אידישע אקטיוויטעטן, און אין אזא פאל האט אונדזער לאקאלע קאמיטע די פאראנטווארטלעכקייט צו באשטימען צי די גרופע זאל צוגעלאזן ווערן צו די וואלן אין דער קאמיוניטי פאר דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ.

„מיט פריינטלעכן גרוס,

(אונטערגעשריבן) לואים ליפסקי,

טשערמאן, נאציאנאלע באארד או עלעקשאנס."

אנשטאט זאגן דעם פיטסבורגער קאמיטעט, אז די עקזעקוטיווע פון דער אסעמבלי האט באשלאסן, גלייכצייטיק ווי זי האט אונדז אפגעזאגט נאציאנאלע פארטרעטערשאפט, צוצולאזן צו די לאקאלע וואלן, גיט ליפסקי איצט א ווונק: מיר האבן טאקע געמאכט אזא און אזא באשלוס, אבער איר, אז איר ווילט, קאנט איר אויף דעם באשלוס פייפן! אזוי פשוט האט ליפסקי אין דעם בריוו ניט געקאנט זאגן. אבער דאס וואס מען האט ניט געקאנט זאגן אפיציעל אין דעם בריוו, האט מען געזאגט אויף אן אנדער וועג. די ליפסקי־גרופע און די סיגאל־גרופע האבן מאביליזירט אלע כחות,

כדי צו סאבאטאזשירן דעם אריגינעלן באשלוס פון דער עקזעקוטיווע פון
דער אסעמבלי פאר געאייניקטע וואלן אויף די ערטער.

דער ציל פון די שטערער פון אייניקייט פון דעם אידישן ארבעטער־
קאמיטעט איז אזוי ארום דערגרייכט געווארן דורך דער סיגאל־ און ליפסקי־
גרופע אין די וואלן אויף א סך אופנים. אנשטאט דעם, וואס די וואל־
קאמיטע זאל האבן די אויפגאבע ארייננצוציען די ברייטסטע אידישע מאסן
אין די וואלן; אנשטאט צו זען, אז די אידישע ארגאניזאציעס זאלן זיך
באטייליקן אויף דעם אקטיווסטן אופן; אנשטאט אויפצוקלערן די וויכטיקייט
פון דער אידישער אסעמבלי, זיינען די וואל־קאמיטעטן געשטעלט געווארן
אין אזא פאזיציע, אז זיי זאלן דארפן צווישן זיך קעמפן, צי מען זאל צולאזן
וויכטיקע אידישע ארגאניזאציעס אין דעם אידישן לעבן. אנשטאט אויס־
נוצן די צייט, כדי צו דערגרייכן דעם מאקסימום אין אלע שטעט, איז גע־
שאפן געווארן א דעמאראליזאציע צווישן די פירער פון דער אסעמבלי. אין
א גרויסער צאל שטעט האבן זיך די וואל־קאמיטעטן באדארפט באשעפטיקן
נאר מיט דער פראגע ווי אזוי אויסצושליסן וויכטיקע ארגאניזאציעס
אין דעם אידישן לעבן, אנשטאט זיי ארייצובאקומען.

פונדעסטוועגן דארף פעסטגעשטעלט ווערן, אז עס האט זיך ניט איי־
נגאנצן איינגעגעבן די אנטי־אייניקייט עלעמענטן זייערע צילן צו דערגרייכן.
אין איבער 30 שטעט, צווישן וועלכע עס געפינען זיך א צאל גרעסערע
צענטערן, ווי שיקאגא, פיטסבורג און נוארק, איז דערגרייכט געווארן פול־
שטענדיקע אייניקייט. אין א גרויסער צאל פון אט־די 30 שטעט זיינען
דערוויילט געווארן דעלעגאטן, וואס שטייען אויף דער פלאטפארמע פון
פולשטענדיקער אייניקייט. אין א צאל שטעט האבן די פארטרעטער פון
ארדן געהאט א גינסטיקע ווירקונג אויף די רעזולטאטן פון די וואלן. אין
א צאל שטעט האט אונדזער ארדן געשפילט א וויכטיקע ראלע צו העלפן
מאביליזירן אלע לאנדסמאנשאפטן און סאסייעטיס. אין אייניקע וויכטיקע
צענטערן אין לאנד, ווי פילאדעלפיע און באסטאן, האט זיך די שטערערישע
עלעמענטן קוים איינגעגעבן צו דערגרייכן זייער ציל: אין דיביידע שטעט
האבן זיי געקראגן א מאיאריטעט בלויז מיט 1 שטימע אויף ניט צוצולאזן
דעם ארדן. אין איינעם פון די גרעסטע צענטערן — שיקאגא — וואו אונ־
דזער ארדן איז צוגעלאזן געווארן צו די וואלן און מיר האבן ארויסגעשטעלט
בלויז איין קאנדידאט, איז ער דערוויילט געווארן מיט זייער א גרויסער
מאיאריטעט. צווישן די 30 דעלעגאטן, וואס שיקאגא האט דערוויילט, איז

אונדזער חבר ריטמאַן דערוויילט געוואָרן דער פּערטער אויפן באַלאָט, און אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז ווען מיר שטעלן אַרויס נאָך איינעם אָדער צוויי דעלעגאַטן, וואָלטן מיר זיי אויך געווען דערוויילט מיט אַ גרויסער מערהייט. מיט דער הילף פון די שטימען פון אָרדן זיינען אין אַ צאָל וויכטיקע צענ־טערן פון לאַנד דערוויילט געוואָרן אייניקייט־דעלעגאַטן.

עס איז כדאי, איידער מיר שליסן דעם קאַפּיטל וועגן דער טרויעריקער ראָלע פון דער סיגאַל־ליפּסקי גרופּע און זייערע פאַרבינדעטע, אין קאַמף קעגן יענע עלעמענטן וועלכע זיינען פון אָנהייב אָן געווען מיט לייב־און־לעבן פאַר דער אידייע פון דער אַסעמבלי, צו ברענגען נאָך אַ פּאָר קליינינקע אויס־צוגן ווי אַזוי שוין נאָך דעם ווי די פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמי־טעט האָבן דורכגעפירט זייער מאַנעווורע פון ניט באַטייליקן זיך אין די וואַלן, אָבער זיך יאָ באַטייליקן ווי נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן איינשליסן אַלע טיילן פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַז שוין נאָך דעם אַלעם קומט אַרויס די רעפּרעזענטאַנץ פון דעם „בונד" אין פּוילן, וועלכע איז אַ טייל פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, מיט אַ לאַנגער עפּנט־לעכער דערקלערונג, אין וועלכער זיי רייסן אַרונטער די אַסעמבלי. צום סוף פון דער דערקלערונג זאָגן די „רעפּרעזענטאַנטן":

„צוליב די אַלע מאָטיוון האַלטן מיר דעם באַשלוס פון אַרבעטער־קאָמיטעט, זיך צו באַטייליקן אין דער אַסעמבלי, פאַר פאַלש און שעד־לעך. מיר דערקלערן, אַז די דעלעגאַטן פון אַרבעטער־קאָמיטעט צו דער אַסעמבלי קאָנען און ווען אונדז אַלס פאָרשטייער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן נישט רעפּרעזענטירן. קיינער פון זיי וועט אין אונדזער נאָמען נישט רעדן."

און נאָט אייך נאָך אַ ציטאַטע פון איינעם פון די הויפּט־פירער פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פאַרעפנטלעכט אַזוי שפּעט ווי דעם 21טן אויגוסט — 8 טעג פאַר דער דערעפענונג פון דער אַסעמבלי, הער צביון, אין די „אידישע אינטערעסן", שרייבט:

„איך וואַרט מיט אומגעדולד ווען דער יאַריד פון דער אַזוי־גערו־פענער אידישער אַסעמבלי וועט זיין פאַריבער."

און מיט עטלעכע שורות ווייטער, רעדנדיק וועגן דעם, וואָס די אגודת ישראל און די אגודת הרבנים האָבן פאַרלאָזט די אַסעמבלי, זאָגט ער:

„און זיי האָבן געבראָכן די אַזוי־גערופענע אחדות ניט צוליב פּרינ־ציפּ, עס הייסט ניט צוליב דעם, וואָס זיי האַלטן ניט פון דעם גאַנצן

אחדות־טאַראַם, וואָס די פּראָפעסיאָנעלע אחדות־פייקלער האָבן אויפ־
געפייקלט . . . ״

אַט צוליב וועמען די סיגאַל־ליפּסקי גרופּע איז גרייט געווען דורכצופירן די טרויעריקע אַקציע אַרום די וואַלן. אַט־דאָס זיינען די עלעמענטן, מיט וועמען מען האָט חדשים־לאַנג אָנגעפירט געהיימע פאַרהאַנדלונגען מיטן ציל זיי אַריינצוברענגען אין דער אַסעמבלי, כדי צו האָבן דאָרטן אַ שטאַרקן אַנטי־אייניקייט בלאָק.

מיר האָבן באַלד אין אָנהייב פון אונדזער בראָשורע שוין געזאָגט, אַז די וואָס האָבן געאַרבעט פאַר אמתער אייניקייט אַרום דער אַסעמבלי האָט מען ניט געקאָנט אַריינטרייבן אין דעם לאַגער פון די שונאים פון דער אַסעמבלי. ניט קוקנדיק אויף אַלע עוולות און אומיושרדיקע אַקטן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן איינער פון די חשובסטע אָרגאַניזאַציעס אין דעם אידישן לעבן, דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און קעגן אַ ריי אַנדערע זייער וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס אין דעם אידישן לעבן, האָבן מיר ביזן לעצטן מאָמענט געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין אונדזערע כחות צו העלפן דעם דערפאָלג פון דער אַסעמבלי, צו העלפן איר דערגרייכן וואָס ברייטערע אידישע קרייזן; געטאָן אַלץ אין אונדזערע כחות, כדי זי זאָל ווערן אַזוי רעפּרעזענטאַטיוו פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, ווי עס איז אונטער די געשאַפענע אומשטענדן מעגלעך געווען.

וואָס איז אונדזער ווייטערדיקע פּאָליסי? קודם כל וועלן מיר פּראָ־פּאַגאַנדירן און אַגיטירן פאַר דעם, אַז די אַסעמבלי זאָל אָננעמען אַ פּראָ־גראַם אויף וועלכער אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן זאָלן זיך קענען אייניקן: רעליגיעזע אידן און ניט־רעליגיעזע אידן, ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן; אַ פּראָגראַם, וואָס דרינגט אַרויס פון די סאַמע טיפענישן פון די בלוטיקסטע אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק; אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל פאַרקערפּערן, אין דער ערשטער ליניע, דעם לאָזונג פון פאַראייניקן די אַמעריקאַנער אידן, כדי צו מאַכן דעם גרעסטן בייטראָג וואָס שנעלער צו געווינען די מלחמה, ווייל וואָס שנעלער צו געווינען די מלחמה איז פאַר אונדז אַ לעבנס־פראַגע. ווייל אויב די מלחמה וועט זיך פאַרציען וועט זיך היטלער איינגעבן אויסצוראָטן ביזן לעצטן איד אין די טעריטאָריעס, וואָס ער האָט פאַרנומען. און אין פאַרבינדונג מיט דעם, דאַרפן מיר ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם קאַמף קעגן די 5טע קאָלומניקעס, קעגן די רעפּיטיסטן און קעגן די „אַפּיזערס״.

צווייטנס, דאַרף די קאָנפערענץ טאָן אַלץ אין איר׳ע כחות צו העלפן ראַטעווען די אידן, וואָס מען קאָן נאָך אַרויסראַטעווען פון היטלערס לאַפּעס. גלייכצייטיק מוז די קאָנפערענץ אָנערקענען, אַז דאָ ביי אונדז אין לאַנד איז נויטיק, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל אָפּגעווישט ווערן פון אונדזער ערד. די אידישע אַסעמבלי מוז שוין שטיצן אַלע „בילס" פון אונדזער׳ע קאָנגרעס־לייט דיקשטיין און לינטש, און זען אַז אַנטיסעמיטיזם זאָל פאַרבאָטן ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר האָבן אָנגעוויזן אין אונדזער דעקלאַראַציע, אַז „היף פאַר דעם ישוב אין פאַלעסטינע טאָר ניט זיין די אויסשליסלעכע זאָרג פון די ציוניס־טען". ווילן מיר נאָך א מאָל אונטערשטרייכן, אַז אויב די קאָנפערענץ זאָל נאָר ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין א פאַרטייאישן צוזאַמענקונפט, קאָנען זיך אַלע ריכטונגען אייניקן אויף דער פאָדערונג פון אָפּשאַפן דעם „ווייסן פאַ־פּיר," עפענען די טירן פון פאַלעסטינע פאַר אידישע פליכטלינגען, וואָס ווילן אַריינקומען אין לאַנד, און איינשטעלן פריינטלעכע צוזאַמענאַרבעט און סאָלידאַריטעט צווישן די אידן און אַראַבער אין פאַלעסטינע, ווי אויך מיט די אַראַבער פון די אַרומיקע לענדער. אַ געאייניקטע אַסעמבלי קאָן זייער פיל דערגרייכן אויף דעם געביט.

און ווען מיר ווילן נאָך צוגעבן, אַז די אידישע אַסעמבלי זאָל זיך ענגער פאַרבינדן מיטן סאָוועטישן אידנטום; אַז אין ענגער פאַרבינדונג מיטן סאָוועטישן אידנטום און מיט די אַנדערע ישובים איבער דער וועלט וועט מעגלעך זיין צו ברענגען די נויטן פון די אידן צו דער פירערשאַפט פון דער וועלט — אין דער וועלט, אין וועלכער עס וועט איינגעשטעלט ווערן ענגע קאָאָפּעראַציע און די נאָענטסטע מיטאַרבעטערשאַפט פון די פאַראייניק־טע פעלקער, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, גרויס־בריטאַניע און פון דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, — אַז אין דעם ליגט די גאַראַנטיע, אַז אונדזער׳ע גערעכטע פאָדערונגען זאָלן באַפרידיקט ווערן.

כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן איז אומבאַדינגט נויטיק, עס זאָל געשאַפן ווערן פולשטענדיקע אייניקייט אין דעם אידישן לעבן. די אידישע אַסעמבלי איז פאַר דעם דער בעסטער אינסטרומענט. די אַסעמבלי אַלס גאַנצע, פאַר־זאַמלט דעם 29טן אויגוסט ביזן 3טן סעפּטעמבער, קאָן און דאַרף זיך שטעלן אויף דער הויך, וועלכע עס פאָדערט די איצטיקע ערנסטע צייט, וועלכע עס פאָדערן די אידישע נויטן. זי, די אַסעמבלי אַלס גאַנצע, קאָן פאַרריכטן דעם ערנסטן טעות, וואָס די פירער פון דער וואַל־קאָמיסיע זיינען באַ־

גאַנגען — ניט צולאָזנדיק צו די וואַלן פאַר דער אַסעמבלי אַ ריי וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס אין דעם אידישן לעבן. די פאַרזאַמלטע אַסעמבלי און די אריינקומענדיקע ניי־דערווײַלטע פירערשאַפט פון דער אַסעמבלי דאַרף זיך שטעלן פאַר אַן אויפגאַבע אריינצוציען די עלעמענטן וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן און געפינען דעם פאַסיקסטן וועג צו געבן געהעריקע פאַרטרעטערשאַפט צו די פּראָגרעסיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן און אַנדערע.

די אָנגעזעענע פירער אין דעם אידישן לעבן, ווי דר. סטיפען ווייז, הענרי מאָנסקי, ריכטער פּראָסקאַוער, ראַביי הלל סילווער, דר. נחום גאָלדמאַן, ריכטער לעווינטאל — זיי, צוזאַמען מיט אנדערע וויכטיקע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דעם אידישן לעבן, וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס געגנער פון דיסקרימינאַציעס און אָנהענגער פון אייניקייט אין דעם אידישן לעבן, האָבן אויך זיך די גרויסע התחיבות צו זען, אַז די אידישע קאָנפערענץ (אַסעמבלי) זאָל זיין דער אמתער אויסדרוק פון אַלע שיכטן, פון אַלע קלאַסן און פון אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן. זיי קאָנען און דאַרפן זיך איינשטעלן, אז די פּראָגראַם פון דער אַסעמבלי זאָל זיין אַזאַ, וואָס זאָל אויך אַן אמת זיין דער אויסדרוק פון די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — ניט קיין געקינצלטער אויסדרוק, ניט קיין מעכאַנישער אויסדרוק, נאָר אַן אמתער אויסדרוק. אַזאַ הארציקער, פאַראייניקטער אויפטריט פון די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט קריגן דעם טיפסטן אָפּקלאַנג ביי די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ביי די אידישע ישובים אין אַלע לענדער. די פּראָגראַם, וועלכע מיר האָבן אָנגעצייכנט, די געאייניקטע שטימע פון אַלע ריכטונגען אין אידישן לעבן, וועט קאָנען דערגרייכן דאָס, וואָס איינציקע אידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין, האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן. די 41 טויזנט מיטגלידער, וואָס די אידיש־אַמעריקאַנער סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן פאַרמאָגט, די צענדליקער טויזנטער אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, וועלכע זיינען ניט פאָרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ צוליב די מאַנעווערס פון פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, די מערהייט אידן אין אמעריקע — זיי אַלע וואַרטן אויף דעם, אַז די פאַרזאַמלטע אידישע קאָנפערענץ, אַז די נייִדערווײַלטע פירערשאַפט פון דער אידישער קאָנפערענץ זאָלן אָט־די פאַרלאַנגען און אָט־די האָפענונגען דורכפירן. מיר האָפן, אז די אידישע קאָנפערענץ וועט זיך שטעלן אויף דער געהעריקער הויך און וועט ווערן די

קערפּערשאַפט, וואָס וועט מיט זיך פאַרשטעלן דעם קאָלעקטיוון ווילן פון די פינף מיליאָן אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און די האָפענונג פון די מיליאָנען אידן איבער דער וועלט.

נאָך דער קאָנפערענץ

מיר שרייבן צו דאָס דאָזיקע לעצטע קאַפּיטל נאָך דעם ווי די אידישע קאָנפערענץ איז שוין אַריבער, נאָך דעם ווי מען קאָן זי שוין אַביסל מער אָפּשאַצן אין פּערספּעקטיוו, זען אירע דערגרייכונגען און דורכפאַלן און פּרואוון העלפן אָנווייזן דעם ווייטערדיקן וועג אויף וועלכן זי זאָל גיין.

איין זאַך מוז מען גלייך דערקלערן: מען דאַרף די אידישע קאָנפערענץ אָפּשאַצן מיטן גאַנצן ערנסט אין מיט דער פולער אחריות וואָס אָט דער פאָלקס־צוזאַמענקונפט האָט פאַרדינט, ווייל די קאָנפערענץ איז דאָך געווען איינע פון די זייער וויכטיקע געשעענישן אין דעם אידישן לעבן.

לאָמיר געדענקען, אַז די קאָנפערענץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום, מיט איין אויסנאַם — די ריכטונג פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, די לאַנג־יאָריגע אויסגעהאַלטענע קעמפער פאַר אייניקייט — אונדזער ריכטונג. אָבער מען מען דאַרף אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אפילו נאָכ׳ן צוריקציִען זיך פון דער אגודת הרבנים און דער אגודת ישראל זיינען דאָרט אַלע ריכטונגען פון דעם אידישן לעבן געווען פאַרטראָטן, ווייל ניט קוקנדיק אויף זייער צוריקציִען זיך, איז דאָך געווען אויף דער קאָנפערענץ אַ באַדייטענדע צאָל דעלעגאַטן פון אָט־דער ריכטונג אין אַמעריקאַנער אידנטום.

אַזאַ קערפּערשאַפט, וואָס פאַרטרעט כמעט אַלע ריכטונגען אין אידישן לעבן, קאָן געשטויסן ווערן אויפן וועג פון גרעסערע און וויכטיגערע מעשים.

עס איז געבליבן אין אידישן לעבן אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט, וואָס פאַרמאָגט היינטער זיך די 502 דעלעגאַטן פון וועלכע 377 זיינען דערוויילט געוואָרן. אמת, אומדירעקט, אָבער דאָך דערוויילט געוואָרן פון פאָלק, און 125 קומען פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קאָנען אונטער׳ן דרוק פון זייער מיטגלידערשאַפט באַוועגן דעם „אינטערים" (צווישן־צייט) קאָמיטעט (דער קאָמיטעט אָדער עקזעקוטיווע וואָס די קאָנפערענץ האָט דערוויילט און וועלכער דאַרף פונקציאָנירן צווישן איין צוזאַמענקונפט פון דער קאָנפערענץ און דער צווייטער), אַז ער זאָל מאַכן די וויטיקע שריט, וואָס די קאָנפערענץ האָט נאָך ניט באַוויזן צו מאַכן.

אזא קאָנפערענץ דאַרף מען זייער ערנסט אָפּשאַצן, זען אירע דער־גרייכונגען און קריטיקירן אירע טעותן, כדי איר צו העלפן שטאַרקן און אויסברייטערן איר איינפלוס אין אידישן לעבן.

די דערגרייכונגען פון דער אידישער קאָנפערענץ.

צוערשט לאָמיר באַטראַכטן די פּאָזיטיווע זייטן. עס איז אונדזער מיינונג, אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ האָט צום ערשטן מאָל אין דעם אידישן לעבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן דורכגעפירט, אין אַ גרויסער מאָס, דעם באָדן פאַר איינהייט. סיי אין די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ, אַרום די וואַלן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַלע שטעט און שטעטלעך, סיי די קאָנפערענץ גופא, האָבן פעסטגעשטעלט די גרויסע נויטווענדיקייט פון פאַראייניקן דאָס אידישע לעבן און אַז בלויז פאַר־אייניקטערהייט וועט מעגלעך זיין צו דערשלאָגן זיך צו אַ לייזונג פון די וויכטיקסטע, אָנגעווייטאָגסטע פּראָבלעמען אין דעם אידישן לעבן. אויף דער קאָנפערענץ איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקטע אידישע קערפּערשאַפט, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען ניט נאָר דורכצופירן די באַשלוסן, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, נאָר אָט־די דאָזיקע פאַראייניקטע קערפּער־שאַפט וועט האָבן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן די פּראָגראַם, אַריינ־נעמען אַ צאָל נייע וויכטיקע פונקטן, וועלכע זיינען ביי דער קאָנפערענץ ניט אויפגענומען געוואָרן.

דער צווייטער זייער וויכטיקער פּאָזיטיווער פאַקטאָר איז געווען דאָס, וואָס בשעת אויף דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ, אין יאַנואַר, וועלכע האָט געלייגט די באַזע פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, זיינען געווען פאַרטראָטן 32 נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, — און אפילו ניט אַלע פאַרטראָטענע זיינען גרייט געווען צו בלייבן אַ טייל פון דער קערפּערשאַפט, וואָס ס'איז דאָרט אויספאָרמירט געוואָרן, — זיינען צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 31טן אויגוסט ביז'ן 6טן סעפּטעמבער, געקומען 65 נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן און צו־זאַמען מיט די 375 דעלעגאַטן, וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן אויף די ערטער, האָבן זיי, לויט דעם באַריכט פון דער וואַל־קאָמיסיע, פאַרטראָטן איבער 2 מיליאָן אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז ביז פּיטסבורג איז געווען איין ריכטונג אין דעם אידישן לעבן — בלויז אונדזער ריכטונג — וועלכע האָט פּראָפּאַגאַנדירט און געקעמפט פאַר

אייניקייט אין דעם אידישן לעבן און אַז איצט איז פאַראַן אַ פאַראייניקטע קערפּערשאַפט וואָס קאָן רעדן אין דעם נאָמען פון דער איבערוועגענדער מאַיאָריטעט אָרגאַניזירטע אידן אין אמעריקע, איז עס אָן ספק זייער אַ וויכטיקע דערגרייכונג, זייער אַ וויכטיקער אויפטו.

דער דריטער וויכטיקער, פּאָזיטיווער פאַקטאָר איז דאָס, וואָס ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס זיינען געווען נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט באַטייליקן אין דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ — זיינען זיי דאָך, אונטער'ן דרוק פון די ברייטע אידישע מאַסן, צו דער קאָנפערענץ געגאַנגען. ניט איין מאָל פאַר דער קאָנפערענץ האָט מען געשמועסט, אַז די צוויי נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" און דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט — האַלטן זיך אין צוריקציען; אַז זיי וועלן אויף דער קאָנפערענץ זיך צוריק־ציען און אזוי ווייטער. אָט־די צוויי קערפּערשאַפטן זיינען אונטערן דרוק פון די אייניקייט־שטימונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אַרום דער קאָנ־פערענץ, געווען געצוואונגען דאָרט צו בלייבן און טיילווייז צו ענדערן זייער נעגאַטיווע באַציאונג.

דער פערטער וויכטיקער, פּאָזיטיווער פאַקטאָר איז געווען דאָס, וואָס די הויפּט־פירער פון דער קאָנפערענץ און באַזונדערס ראַבאַי סטיפען וויז, דער גייסטיקער פירער פון דער קאָנפערענץ, וועלכער האָט אָן ספק גע־שפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן סיי ביים צוזאַמענרופן די פּיטסבורגער קאָנפערענץ און סיי פאַר'ן צושטאַנד־קומען פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ גופא, איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס איז געווען אַמנאָענטסטן צו דער פּלאַטפאָרמע, וועלכע מיר האָבן פאָרגעשלאָגן. ווען מען לייענט די רעדע, וואָס ראַבאַי סטיפען וויז האָט געהאַלטן ביי דער עפענונגס־זיצונג, זעט מען, אַז ער האָט גערעדט ניט סתם וועגן אייניקייט, נאָר וועגן אייניקייט פון אַלע אידן. ער האָט אונטערגעשטראָכן די נויט־ווענדיקייט פון פאַראייניקן די צוויי גרעסטע אידישע ישובים — פון די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז געווען דער, וועלכער האָט דער ערשטער אַרויסגעבראַכט, אַז ס'איז נויטיק אַריינצונעמען אין דער פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

פינפטנס, דאַרף מען צו דעם פּאָזיטיוון רעקאָרד צושרייבן דעם פאַקט, וואָס ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן אַ צאָל „רעד־בעיטערישע" און אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן,

ווען עס וואָלט זיך געוואָלט דעמאָנסטרירן זייער סאָוועטן־האַס און זייער „רעד־בעיטערישע" באַציאונג, האָבן זיי דאָס ניט געקאָנט טאָן. מען דער־ציילט, אַז ווען די פאָרשטייער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן פאַרלאַנגט אַ וואָרט פאַר זייער „רעד־בעיטער" און אַנטי־סאָוועטישן פירער נ. כאַנין, האָבן זיך די אָנפירענדיקע מיטגלידער פון דעם פּרעזידיום שטאַרק געשלאָגן מיט דער דעה, צי מען זאָל אים געבן דאָס וואָרט. געגעבן האָט מען אים דאָס וואָרט מיט'ן באַדינג, אַז ער טאָר ניט ברענגען פאַר דער קאָנפערענץ זיין אַנטי־סאָוועטישע, „רעד־בעיטערישע" פּראָגראַם; אַז אויב ער וועט דאָס טאָן, וועט מען אים דעמאָנסטראַטיוו אָפּשטעלן אין מיט'ן רעדן. בשעת כאַנין האָט גערעדט האָט מען געפילט, אַז דער „רעד־בעיטער" מוז זיך נעבעך איינצאַמען. ער האָט ביי עטלעכע פּלעצער זיך אַליין אָפּ־געהאַקט אין מיטן.

צום קרעדיט פון די הויפּט־פירער פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די „רעד־בעיטערישע" עלעמענטן האָבן ניט געשפּילט די טרויעריקע ראָל, וואָס עס האָט זיך זיי אָן ספק געוואָלט שפּילן.

פּונקט זעקס, אויף דעם רעקאָרד פון פּאָזיטיווע דערגרייכונגען, דאַרף צוגערעכנט ווערן די רעזאָלוציע וועגן אַנטיסעמיטיזם. ניט גע־קוקט דערויף, וואָס מיר זיינען ניט צופרידן, — ווייל מיר האַלטן, אַז די רעזאָלוציע איז אַ צו־אַבסטראַקטע און אַ צו־אַלגעמיינע; אַז זי האָט זיך באַדאַרפט באַזונדערס אָפּשטעלן אויפ'ן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — איז זי דאָך אַ וויכטיקער שריט פאָראויס, באַ־זונדערס ווען מען נעמט אין אַכט, אַז עס זיינען געווען אַ גרויסע צאָל עלעמענטן, וועלכע האָבן ביטער געקעמפט קעגן דעם, אַז די פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם זאָל אויפגענומען ווערן אויף דער קאָנפערענץ.

רעדנדיק וועגן די פּאָזיטיווע זייטן פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, וואָס די פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ איז בכלל אויסגעברייטערט געוואָרן. פון אָנפאַנג זיינען געווען בלויז דריי פּונקטן: נאָך־מלחמה פּראָבלעמען, די פּאַלעסטינע־פראַגע און די פראַגע פון אַ דעלעגאַציע צו דעם פרידנס־קאָנגרעס. אונטער'ן דרוק פון אַ גרויסער צאָל דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון די פאַר־שיידענע צענטערן פון לאַנד, איז די קאָנפערענץ געווען געצוואונגען אויפ־צונעמען ניט נאָר די פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויך די פראַגע וועגן

ראַטעוועז אידן באַלד. און אין פֿאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן פּונקט דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די קאָנפֿערענץ האָט זיך ניט געשטעלט אויפֿ׳ן גליטשיקן וועג פֿון פֿאַרהאַנדלען מיט היטלער׳ן וועגן העלפֿן די אידן, נאָר זי האָט זיך געשטעלט אויפֿ׳ן שטאַנדפּונקט פֿון ראַטעווען דאָס וואָס ס׳איז מעגלעך צו ראַטעווען — ניט דורך קאָנצעסיעס, וואָס מען וואָלט געקענט אַרויסרייסן פֿון די בלוטיקע שונאים פֿון די אידן.

די שוואַכע זייטן פֿון דער קאָנפֿערענץ.

עס וואָלט געווען אַן ערנסטער טעות, ווען מיר וואָלטן ניט אָנגעוויזן אויף די שוואַכע זייטן, אויף די פֿעלערן פֿון דער אַלגעמיינער אידישער קאָנ־פֿערענץ. אודאי ענדערט דאָס ניט אונדזער פּאָזיטיווע שטעלונג, אָבער אויף די שוואַכקייטן דאַרף אָנגעוויזן ווערן.

די סאַמע גרעסטע שוואַכקייט, נאָך אונדזער מיינונג, איז דאָס, וואָס די קאָנפֿערענץ איז פֿאַרבייגעגאַנגען די הויפּט־פּראָבלעם, וואָס שטייט פֿאַר אונדז אין דעם איצטיקן מאָמענט — ווי אַזוי מיר זאָלן פֿאַרגרעסערן דעם בייטראָג פֿון די אידן צו דער איצטיקער מלחמה. בלויז ראַבאַי וויז האָט אין זיין רעדע אויף אַ ברייטערן אופֿן אויפֿגענומען די פֿראַגע וועגן אונדזער בייטראָג צו געווינען די מלחמה. הענרי מאָנסקי האָט אויך באַרירט די פֿראַגע, אָבער בלויז באַרירט. די קאָנפֿערענץ אַלס אַ גאַנצע האָט זיך כמעט ווי ניט באַשעפֿטיקט מיט דער פֿראַגע. מען קאָן עס ניט פֿאַרענטפֿערן דער־מיט, וואָס אין גרויסן און גאַנצן געמומען טראָגן די אידן צו זייער טייל. דאָס איז אמת. אָבער ווען עס קומט זיך צוזאַמען אַזאַ וויכטיקע פֿאַרזאַמ־לונג, צו לייזן די הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס שטייען פֿאַר די אידן, טאָר זי ניט פֿאַרבייגיין די פֿראַגע: ווי אַזוי קאָנען מיר נאָך מער מאָביליזירן די אידישע מאַסן, אַז מיר זאָלן בייטראָגן נאָך אַ גרעסערן חלק, וואָס שנעלער צו געווינען די איצטיקע מלחמה.

דער צווייטער ערנסטער דורכרייס איז געווען — דער זיג פֿון דער אַזוי־גערופֿענער מאַקסימאַליסטישער ריכטונג צווישן די ציוניסטן. די קאָנ־פֿערענץ האָט געהאַט אַן איבערוועגנדיקע צאָל דעלעגאַטן ציוניסטן פֿון אַלע ריכטונגען. דאָ איז ניט דאָס אָרט אַריינצוגיין אין אַן אָפּשאַצונג, צי זיינען די ציוניסטן אַ מאַיאָריטעט אין דעם אידישן לעבן, צי ניט. מיר דענקען, אַז ניין. אָבער די ציוניסטן האָבן געהאַט אַ גרויסע מאַיאָריטעט צווישן די

וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. אויך אויף דער פּיטסבורגער קאָנ־פערענץ אין יאַנואַר, וואו עס איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער אידישער קאָנפערענץ, האָבן די ציוניסטן געהאַט אַ גרויסע מערהייט. אָבער — וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד: דאָרטן האָבן די הויפּט־פירער פון די ציוניסטן אָפן דערקלערט, אַז זיי ווילן ניט אַרויפצווינגען קיין מאַקסי־מאַליסטישע, ציוניסטישע פּראָגראַם, ווייל זיי ווילן אַ פּראָגראַם, וואָס קאָן פאַראייניקן אַלע אידן. ביי דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ אין וואַלדאָרף־אַסטאָריא האָבן די זעלביקע פירער צוריקגעוויזן יענע ריכטיקע ליניע פון פּיטסבורג און האָבן אָנגענומען אַ פּלאַטפאָרמע בנוגע פּאַלעסטינע — אַ פּאַרטייאישע אין פולן זינען פון וואָרט.

עס איז אונדזער מיינונג, אַז דאָס איז געווען ניט אין די בעסטע אינ־טערעסן — ניט נאָר ניט פון דער קאָנפערענץ, נאָר אויך ניט פון דעם ישוב אין פּאַלעסטינע. פון די דעקלאַראַציעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ גופא מצד די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע גרופּירונגען (און באַזונדערס די דעקלאַראַציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון דעם אידישן פאָלקס־קאָמיטעט און פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן). איז קלאָר געווען, אַז אַלע ריכטונגען האָבן זיך געקענט אייניקן אויף אַ פּראָגראַם בנוגע דעם ישוב אין פּאַלעסטינע, וואָס דרינגט אַרויס פון די נויטן פון דעם ישוב גופא. די פּ א ר ט י י א י ש ע שטעלונג פון דער קאָנפערענץ בנוגע פּאַלעסטינע איז נאָר געווען אַ פּאַרטייאישער געווינס, אָבער ניט קיין פּ ראַ ק ט י ש ע ר געווינס, ווייל ס׳איז ניט מעגלעך צו מאָביליזירן דאָס גאַנצע פאָלק אויף אַ פּאַרטייאישער פּראָגראַם.

די דריטע שוואַכקייט איז דער פאַקט, וואָס ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דערמאָנט געוואָרן פון ראַבאַי וויז און הענרי מאָנסקי און פון אייניקע אַנדערע דעלעגאַטן, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעמדיקער אַפּלאָדז, אָבער די קאָנפערענץ אַלס גאַנצע האָט די פראַגע אינגאַנצן אויסגעמיטן. ס׳איז ניט געווען קיין איין רעזאָלוציע וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל, וועמען אַלע אַנערקענען איצט אַלס דעם וויכטיקסטן שותף פון אונדזער לאַנד — דעם שותף, וואָס האָט אָפּגעשטעלט היטלער׳ן. מען האָט אויך ניט רעגיסטרירט מיט אַ רעזאָלוציע דעם פאַקט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געראַטעוועט צוויי מיליאָן אידן, — אַ זאַך, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אין אַ דאָקומענט פון אידישן קאָנגרעס ערב דער קאָנפערענץ.

באַרעכנט נאָר: אין דעם איצטיקן מאָמענט קומען זיך צוזאַמען די ווירטיקסטע פאַרשטייער פון די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מיידן אויס אָנצוגעמען וועלכע עס איז רעזאָלוציע וועגן דעם לאַנד, וואָס האָט געמאַכט דעם גרעסטן בייטראַג אין קאַמף קעגן דעם ביטערסטן שונא פון דער וועלט, אַ בייטראַג וואָס העלפט אומגעהויער אונדזער אייגן לאַנד, אונדזערע אייגענע אינטערעסן, די אינטערעסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ בייטראַג וואָס דינט די אינטערעסן פון אונדזער אידיש פאָלק און ראַטע־וועט די לעבנס פון מיליאָנען אידן!

עס איז ביי אונדז קיין ספק ניט, אַז די גרויסע איבערוועגנדיקע צאָל דעלעגאַטן האָט געוואָלט אַזאַ רעזאָלוציע, האָט געוואַרט אויף אַזא רעזאָ־לוציע, אָבער די רעזאָלוציע איז קיינמאָל ניט געקומען.

איך האָב געקוקט אויף דער פּלאַטפאָרמע און באַטראַכט די דעלעגאַטן אין זאַל און כ׳האָב דאָרטן געזען אַ גרויסע צאָל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קבלת־פּנים קאָמיטעטן פאַר די צוויי חשוב׳ע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון די סאָוועטישע אידן, מיכאָעלס און פעפער. אַ באַ־דייטענדיקע צאָל פון די הויפט־פירער האָבן פערזענלעך באַגריסט די דעלע־גאַטן, סיי אין פּאָלאָ גראַונדס און סיי אין די וויכטיקסטע צענטערן פון לאַנד. זיי האָבן באַגריסט די וויכטיקייט פון דעם אָנקומען פון דער דעלע־גאַציע און אויסגעדריקט זייער האָפענונג, אַז עס וועלן איינגעשטעלט ווערן ענגערע פאַרבינדונגען צווישן די צוויי גרעסטע ישובים אין דער וועלט — צווישן דעם ישוב אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעם ישוב אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. פאַרוואָס איז ניט געקומען קיין ר ע ז אָ ל ו צ י ע אין אָט דעם גייסט? די איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטן און פון די פירער פון דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַר דעם. ווער האָט צו דעם ניט דערלאָזט? ווען האָט אין עס געלעגן אויף דער קאָנפערענץ און ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען צום אויסדרוק דאָס ערלעכע געפיל פון איבערגעבנקייט און פריינטשאַפט וואָס די אידישע אַמעריקע און די גרעסטע צאָל פון די דעלעגאַטן — ווי פאָרשטייער פון דער אידישער אַמעריקע — פילן צום גרויסן און העלדישן סאָוועטן־פאַרבאַנד?

ווער זיינען עס געווען די דעה־זאָגער און פירער אויף דער קאָנפערענץ, וואָס האָבן אַזוי געקירעוועט דעם צוזאַמענקונפט אַז די פראַגע פון אייניקייט און ברידערליכקייט צווישן די צוויי גרעסטע אידישע ישובים, די רוסישע

און די אַמעריקאַנער אידן, זאָל אײנגאַנצן ניט דערמאָנט און ניט באַרירט װערן?

זוכנדיק די ענטפערס אויף די פראַגעס קומען מיר צו צו אײנער פון די הויפּט־שוואַכקייטן פון דער קאָנפערענץ—צו דעם פאַקט, וואָס די ליפּסקי־סיגאַל־ און אידישער אַרבעטער קאָמיטעט־גרופּע, וועלכע האָט עפנטלעך ניט געשפּילט די הויפּט־ראָל, האָט אָבער דורך לויאַם ליפּסקין אַרײנגע־כאַפּט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט פון דער קאָנפערענץ און דערשטיקט יעדן דעמאָקראַטישן גײסט. אַפילו דער באַגײסטערטער דר. שלמה ביקל, אין זײן אַרטיקל אין „טאָג" פון 10טן סעפּטעמבער, האָט געמוזט צוגעבן:

„אודאי — ענטפער איך מײנע איראָנישע אָפּפרעגערס — זענט איר גערעכט. עס קען ניט געלײקנט װערן. ערגעץ, אין אײנעם פון די צימערן אין א זײט פון דעם קאָנפערענץ־זאַל, איז געזעסן אַ קאָמיטעט פון גרופּן־פאַרטרעטערס, האָט זיך באַראַטן און אָנגענומען באַשלוסן, און יענע באַ־שלוסן פון דעם ליפּסקי־קאָמיטעט זײנען דאָס געװען די געהײמע האַנט, װאָס האָט אָנגעפירט מיט דעם צוזאַמענפאָר. יענער קאָמיטעט האָט אײנ־געטײלט די זיצונגען, זײ צעטעכערט אויף פערטל שעה'ן און באַשטימט װאָס מען זאָל רעדן און װער עס זאָל קומען צום װאָרט".

דער רעזולטאַט איז געװען, אַז ניט די שטימונג און ניט דער װילן פון די דעלעגאַטן האָבן געהערשט אויף דעם צוזאַמענפאָר. די רעדער פון דער מאַשין זײנען איבער זײ איבערגעפאָרן. זיכער האָט ניט דעם דעלעגאַט'ס געפיל און ניט זײן פאַרלאַנג אַנטשידן די שטעלונג פון דער קאָנפערענץ — ניט אין דער „רוסישער" פראַגע און ניט אין אַ צאָל אַנדערע װיכטיקע פראַגעס.

אײנער פון די הויפּט־פירער פון דער בני ברית דעלעגאַציע האָט גע־מוזט דערקלערן עפנטלעך פאַר דער לעצטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ, אַז ביז איצט איז די קאָנפערענץ געפירט געװאָרן אויף אַן אויטאָקראַטישן און ניט־דעמאָקראַטישן אופן. עס איז קײן ספק ניט, אַז דער אומגעזעצנער און אומאָפיציעלער „אַנטי־אײניקײט בלאָק" האָט ניט דערלאָזט, אַז דער אויסדרוק פון די אידישע מאַסן, דער אויסדרוק פון דער איבערװעגנדיקער מערהײט דעלעגאַטן זאָל געפינען אַן אָפּקלאַנג, סײ בנוגע דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד און סײ בנוגע דער פראַגע װעגן אײנשטעלן ענגע פאַרבינדונגען מיט די סאָװעטישע אידן.

רייִדנדיק וועגן די שוואַכע זייטן פון דער קאָנפערענץ קענען מיר אודאי ניט דורכלאָזן דעם פאַקט, וואָס די קאָנפערענץ האָט אינגאַנצן אויסגעמיטן די פראַגע פון קאַמף קעגן אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן האָבן זייער שטאַרק געוואָלט, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך באַשעפטיקן מיט דער פראַגע. זי רירט אָן זייי פערזענלעך, זייערע קינדער, דאָס גאַנצע אידנטום אין אַמעריקע. און אין פאַרבינדונג מיט אָט דער פראַגע וואָלט די קאָנפערענץ זיך געשטעלט אויפ׳ן שטאַנדפונקט, אַז ניט נאָר איז נויטיק צו פירן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון די אידן אין אַלע לענדער; אַז ניט נאָר איז נויטיק צו העלפן אויפבויען דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע; אַז ניט נאָר איז נויטיק צו העלפן אויפבויען די חרוב־געוואָרענע אידישע ישובים נאָך דער מלחמה, נאָר אַז ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק, סיי פאַר די אידן און סיי פאַר אונדזער לאַנד בכלל, אַן עפעקטיווער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער זאָל דורכדרינגען ניט נאָר די אידישע באַפעלקערונג, נאָר דאָס אַמעריקאַנער לעבן בכלל. די קאָנפערענץ וואָלט דערמיט זיך אַוועקגעשטעלט און פאַרפעסטיקט ווי אַ קערפערשאַפט וואָס האָט אירע וואָרצלען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן און זאָרגט פאַר די אינטערעסן פון די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די קאָנפערענץ איז אפילו ניט געגאַנגען אויפן רעקאָרד מיט אַ רעזאָלוציע פאַר דעם דיקשטיין־ביל, דעם לינטש־ביל — ווער רעדט שוין וועגן אַ ברייטערער, ערנסטער באַטראַכטונג וועגן דער אַנטיסעמיטישער פלאָג אין לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז איינע פון די זייער גרויסע דורכרייסן איז געווען — די פאַרלעצונג פון איינעם פון די פונדאַמענטאַלסטע פּריציפּן, פון דער שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ אין דעם דעמאָקראַטישן אויסדרוק פון די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן; דער פאַקט, וואָס אונדזער ריכטונג, די ריכטונג וועלכע האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דעם קאַמף פאַר איייניקייט אין דעם אידישן לעבן; די ריכטונג, וואָס האָט געקעמפט פאַר איייניקייט זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט; וועלכע האָט בייגעטראָגן אַ גרויסן חלק עס זאָל מעגלעך ווערן אין דעם צעריסענעם, צעפּיצלטן אידישן לעבן דער צוזאַמענקונפט פון אָט־דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ — דער פאַקט, אַז אָט־די ריכטונג איז ניט צוגעלאָזן געוואָרן איז איינער פון די הויפּט פ ר י נ צ י פּ י ע ל ע דורכרייסן פון דער קאָנפערענץ!

די פראַגע וועגן צולאָזן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן און דעם אידישן פאָלקס־קאָמיטעט און די אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער זעלביקער ריכטונג, איז אפילו ניט געבראכט געוואָרן צו דער קאָנ־פערענץ! זי איז דערשטיקט געוואָרן אין דער „דזשענעראל קאָמיטע", פון וועלכער די אַקטיווע טוער זיינען געוועזן די ליפסקי־סיגאל מענטשן, צוזאמען מיט די פאָרשטייער פון דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ ניט צו דערלאָזן, אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל זיין אַן אַל־איינשליסנדיקע.

און דאָס האָט פאַסירט נאָך דעם, ווי די דריי מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ, ראַבאַי וויז, הענרי מאָנסקי און ריכטער פראָסקאוער, האָבן גערעדט וועגן פולשטענדיקער אייניקייט אין דעם אידישן לעבן און האָבן אונטערשראָכן, אַז בלויז דורך אַזאַ אייניקייט קען מען דערגרייכן די ציל. וואָס די קאָנפערענץ האָט זיך געשטעלט. דאָס האָט פאַסירט נאָך דעם, ווי אין יעדן אָרגאַניזירטן בלאָק אויף דער קאָנפערענץ — אין בלאָק פון דעם אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, בני ברית, אין ציוניסטישן בלאָק, און אין דעם אָרטאָדאָקסישן בלאָק, און אין אַלע אנדערע בלאָקס זיינען געוועזן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געוועזן מיט לייב־און־לעבן דערפאַר, אַז קיין דיסקרימינאַציעס זאָלן ביי דער קאָנפערענץ ניט געמאַכט ווערן, אַז אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן זאָלן צוגעלאָזט ווערן.

נאָך אַלעמען האָט זיך דאָך איינגעגעבן דער ליפסקי־כאַנין־סיגאַל־גרופע צו דערשטיקן די פראַגע אין דער ענגער קאָמיטע און ניט דערלאָזן, אַז דער דער דראַנג פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין דעם אידישן לעבן פאַר אייניקייט זאָל קומען צום אויסדרוק.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף די פאָזיטיווע פונקטן בנוגע דער קאָנפערענץ און מיר האָבן אָנגערירט די נעגאַטיווע פונקטן. וואָס דאַרף זיין אונדזער ווייטערדיקע שטעלונג? קאָנען די נעגאַטיווע פונקטן באַזייטיקט ווערן דורך דער „אינטערים" (צווישן־צייט) קאָמיטע? וואָס פאַר אַ בייטראָג דאַרפן מיר מאַכן אויף דעם געביט?

די שונאים ווילן פאַרניכטן די קאָנפערענץ.

אונדזער ריכטונג, די לינקע און פראָגרעסיווע, האָט געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע ביים העלפן צוזאַמענברענגען די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפע־רענץ. אונדזער ריכטונג מוז א י צ ט שפּילן נאָך אַ וויכטיקערע ראָלע,

כדי צו העלפן דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ באַזייטיקן די שוואַכקייטן און פאַרריכטן די טעות'ן פון דעם ערשטן צוזאַמענקונפט אין וואַלדאָרף־אַסטאָריא, אַזוי אַז די קאָנפערענץ זאָל באמת קאָנען ווערן יענער נויטיקער אינסטרומענט פון איייניקייט, וואָס זאָל אַמבעסטן פאַרקערפערן די פאָדערונגען און דינען די נויטן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד.

מיר ווילן ניט איבערטרייבן דעם איינפלוס, וואָס מיר האָבן אויסגעאיבט ווי אַ הילפס־פאַקטאָר פאַר די איייניקייט־כחות אין דעם אידישן לעבן אין פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ. אָבער זאָגן מוז מען, אַז אונדזער ריכטונג, מיט איר באַלדיקער פאָזיטיווער שטעלונג צו דער אידייע פון דער קאָנפערענץ, מיט איר איבערגעבנקייט צו דער איייניקייט־באַוועגונג אין אידישן לעבן, האָט געשפילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע.

לאָמיר געדענקען, אַז די גאַנצע אידישע פרעסע, מיטן אויסנאַם פון דער „מאָרגן־פרייהייט", האָט קאַלט באַגעגנט דעם ערשטן רוף צו דער פיטסבורגער קאָנפערענץ. די מעשים פון „פאָרווערטס" און דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט זיינען באַקאַנט, — שעדלעכע מעשים. די בונדיסטישע גרופע, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע, האָט געוואָרפן שטיינער אויף דער איייניקייט־באַוועגונג. געדענקט מען די דאָזיקע פאַקטן, מוז מען אַנערקענען, אַז אונדזער ריכטונג האָט געשפילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין העלפן צוזאַמענברענגען די קאָנפערענץ.

לאָמיר אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז די שטערערישע כחות אין דעם אידישן לעבן, — אַפילו די וואָס זיינען געצוואונגען געוואָרן, דורכן דרוק פון די אידישע מאַסן, צוצושטיין צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, — לויערן נאָך אַלץ איבער איר און ווילן זי פאַרניכטן.

פאַקטן? אַט זיינען זיי:

דער ערשטער נומער, נאָך דער קאָנפערענץ, פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דעם אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וועלכער איז „אומאָפיציעל" אויך דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, דער „וועקער" וואָס איז דערשינען אין סעפטעמבער, האָט אָפגעדריקט ד ר י י אַרטיקלען וועגן דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, און אַלע מיט איין ציל: אַ ר ו נ ט ע ר ר י י ס ן די קאָנפערענץ, פאַרטושן די געמיינזאַמע פראָגראַם פאַר איייניקייט פון אַלע אידישע עלעמענטן, און דוקא ארויסשטעלן מיט דער פולער שאַרפקייט אַלץ וואָס צעטיילט די פאַרשיידענע

ריכטונגען אין אידישן לעבן, כדי אזוי ארום די קאנפערענץ צו פארניכטן.

הערט ווי דוד אײנהארן רעדט דארט וועגן דער ציוניסטישער ריכטונג פון דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ:

„יא, דער ציוניזם האט זיך תמיד באַרירט מיט׳ן אנטיסעמיטיזם.

„איצט מעגן מיר זיי שוין גלויבן זייערע קראקאדילן־טרערן, וואס זיי פארגיסן מכלומרשט אויף די אידישע צרות אין פוילן, ווארים, איך בעט אייך זייער, וואס איז דאס פאר אזא אומגליק, אויב מען קאן דא, אין אמעריקע, זיך אנווארעמען ביי די פלאמען פון די אידישע חרוב׳ע קהילות?"

מיר האבן אונדזערע מיינונג־פארשיידנהייטן מיטן ציוניזם. מיר האבן עס ניט פארפעלט אנצואווייזן אויבן בעת מיר האבן ארומגערעדט די שוואכע זייטן פון דער אידישער קאנפערענץ. אבער ארויסקומען איצט מיט אזעלכע אטאקעס קעגן דער גרעסטער ריכטונג אויף דער אמעריקאנער אי־דישער קאנפערענץ, קאן געטאן ווערן בלויז מיט איין כונה: ארונטעררייסן די קאנפערענץ, ניט דערלאזן איר פארנעמען יענעם פלאץ אין דעם אידישן לעבן, וואס זי דארף פארנעמען טאקע לטובת די אמעריקאנער אידן.

און אט איז אן אויסצוג פון אן ארטיקל פון לעווין־שאצקעס אין זעל־ביקן נומער „וועקער":

„נישט אידן איז מען געקומען ראטעווען אין וואלדארף־אסטאריא, נאר די פאליטישע ציוניסטישע אקציעס, וואס זיינען אזוי געפאלן אין לאנדאן און אין וואשינגטאן..."

און טאמער איז דאס אייך ניט גענוג, טא הערט זיך צו צום שלוס פון דעם שאצקעס־ארטיקל:

„קיין טייל פון אידישן ארבעטער־קאמיטעט, וועלכער רעפרעזענטירט די אידישע ארגאניזירטע ארבעטער און סאציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקע, וואס בלייבן טריי דער אין דורות־לאנגן קאמף־אויסגע־פרואווטער אידעאלאגיע פון אידישער נאציאנאלער באפרייאונג, וואס איז פארבונדן און פארקניפט מיט דער פאליטישער און סאציאלער אויס־לייזונג פון דער ליידנדער מענטשהייט, — קיין טייל וועט ניט מסכים זיין אויפצוגעבן זיך אין נאמען פון א מיראזש און איינשפאנען זיך אין ציוניסטישן פאליטישן וואגן. דורכגעמאכט דעם „אפיזמענט" מיט אלע זיינע „טרימינגס", באצאלט דעם פולן שכר — און גענוג!"

דאס הייסט, ס׳איז צייט אויפצורייסן די קאנפערענץ נאכדעם ווי מען

האט „דורכגעמאכט" די „אפיזמענט". צוליב וואס האבן עס די גרויסע „פרינציפ"־מענטשן „דורגעמאכט"?

אויף דעם ענטפערט „ער אליין", דער אנטרייבער פון דער קליקע ברע־כער און „שיסער", נ. כאנין. אין דעם זעלביקן נומער, וואו די קאנפערענץ ווערט ווידעראמאל ארונטערגעריסן, דערקלערט ער, אז דער גרעסטער אויפ־טו פון דער קאנפערענץ איז געווען דאס, וואס אונדזער ריכטונג איז ניט צוגעלאזן געווארן. אט צוליב וואס די „פרינציפ"־מענטשן האבן געפראוועט זייער „אפיזמענט", צוליב זייער איינציגן פרינציפ — ברעכן, שפאלטן!

מען דארף אפהיטן די קאנפערענץ.

ווען עס זאל זיך ניט האנדלען וועגן דעם וואוילזיין פון די אידישע פאלקס־מאסן, וואלטן מיר ביי זיך געטראכט: זאל זיך די ליפסקי־סיגאל גרופע פרייען מיט אירע „פארטנערס"! זאל זי זיך פרייען מיט דער גרויסער מתנה, וואס זי האט געבראכט דער קאנפערענץ, צוליב וועלכער זי איז אפילו גרייט געווען ניט צו דערלאזן, אז די קאנפערענץ זאל איינשליסן אלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן! אט איז די מציאה וואס די ליפסקי־סיגאל־גרינבערג־גרופע האט געבראכט דער קאנפערענץ.

אבער עס האנדלט זיך דא וועגן דעם וואוילזיין אין לעבן פון אונדזער פאלק, און דעריבער דארף מען די קאנפערענץ מיט אלע כחות אפהיטן. פאר אונדזער ריכטונג אין דעם אידישן לעבן שטייען דעריבער די פאל־גענדע אויפגאבן:

ערשטנס, פארזעצן דעם קאמף פאר אייניקייט אין דעם אידישן לעבן, אזוי אז אלע ריכטונגען צווישן די אמעריקאנער אידן, וועלכע זיינען נאך ניט איינגעשלאסן אין דער קאנפערענץ, זאלן צוגעצויגן ווערן צו איר. צווייטנס, ניט נאר ענדערן מיר ניט אונדזער פאזיטיווע אפשאצונג פון דער קאנפערענץ, ווי א וויכטיקער אינסטרומענט, וואס וועט דינען די אינטערעסן פון די אידן און די פאראייניקטע שטאטן, לויט א פראגראם, אויף וועלכער אלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן זאלן זיך קאנען צוזאמענקומען, נאר פונקט ווי פאר דער קאנפערענץ באקעמפן מיר אלע עלעמענטן, וועלכע צילן די קאנפערענץ צו צעברעכן, און מיר שטיצן מיט לייב־און־לעבן יעדע פא־זיטיווע אקציע, יעדן פאזיטיוון באשלוס, וואס דער „אינטערים" (צווישן־צייט) קאמיטעט פון דער קאנפערענץ וועט אננעמען, אין די אינטערעסן פון די אידן אין די פאראייניקטע שטאטן און פון די אידן איבער דער גאנצער וועלט.

אַ פּאָזיטיווער צוגאַנג און אַ פּאָזיטיווע פּראָגראַם.

פון דעם אויבן־געזאָגטן דרינגן אַרויס די פאָלגענדע שלוסן און ציל:

מיר זעצן פאָר אונדזער קאַמף פאַר פולשטענדיקער אייניקייט פון אַלע ריכטונגען און פאַר דעם, אַז אַלע געקריוודעטע ריכטונגען, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די קאָנפערענץ, אָדער צו איר ניט צוגעלאָזט געוואָרן, זאָלן פאַרגיטיקט ווערן און זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ.

די פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן פאָרגעבראַכט צו דער קאָנפערענץ, ווי אַ באַזע פון אַ פּראָגראַם אויף וועלכער אַלע ריכטונגען קאָנען זיך צוזאַמענקומען און אייניקן, דאַרפן מיר פּאָפּולאַריזירן צווישן די ברייטסטע מאַסן, ברענגען זי צו אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַרפן גלייכצייטיק אָנווייזן מיט צופרידנקייט אַז די פּראָגראַם, וואָס ראַבאַי ווייז האָט אָנגעמערקט אין זיין דערעפענונג־רעדע אויף דער קאָנפערענץ, האָט אַ סך ענלעכקייט צו אונדזער פּראָגראַם און אַז ס'איז דאָ אַ ברייטע באַזע פאַר צוזאַמנאַרבעט און אייניקייט.

אין דער קאָנפערענץ גופא קאָן זיך שאַפן אַ טענדענץ צו האַלטן די 502 דעלעגאַטן אין „קאָלד סטאָרעדזש" ביז מיט 6 אָדער 12 חדשים שפּעטער, ווען אַ נייע קאָנפערענץ וועט צוזאַמענגערופן ווערן. דאָס איז אַ שעדלעכער צוגאַנג. דאָס לעבן אין דער איצטיקער צייט גייט זייער שנעל. נייע פּראָבלעמען שווימען כסדר ארויף, מען דאַרף זיי לייזן — און בלויז דעמאָלט, ווען די דערוויילטע דעלעגאַטן וועלן שטיין אין ענגער באַרירונג מיט די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיי דערוויילט, וועלן זיי קאָנען אויסדריקן דעם ווילן פון די אידישע מאַסן. עס דאַרף דערפאַר זיין די אויפגאַבע פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס זיך צו פאַרבינדן מיט די דערוויילטע דעלעגאַטען אויף די ערטער, דיסקוטירן מיט זיי די אָנגעווייטאָקטע אידישע פּראָבלעמען, און דורך די דעלעגאַטן פאַרלאַנגען, אַז אָט־די פּראָבלעמען זאָלן געבראַכט ווערן פאַר דעם „אינטערים" קאָמיטעט און אַזוי אַרום שטויסן דעם קאָמיטעט צו מעשים.

די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן אויף זיך נעמען די איניציאַטיווע צו איינאָרדענען פּאָרומס און סימפּאָזיומס, אויף וועלכע די דעלעגאַטן זאָלן באַריכטן וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר די אידן. אַזוי אַרום וועט מען לעבעדיק האַלטן און נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס פון דער אידישער באַפעלקערונג צו דער קאָנפערענץ.

קריטיקירנדיק קאָנסטרוקטיוו דאָס, וואָס וועט נויטיק זיין צו קריטי־קירען, דאַרפן מיר אָבער פירן אָן ענערגישן קאַמף קעגן יענע שעדלעכע עלע־מענטן, וועלכע זוכן אויפצורייסן די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ, סיי פון אינווייניק און סיי פון דרויסן.

פאַר די מיטגלידער און פירער פון אונדזער אָרדן איז נויטיק אונטער־צושטרייכן, אַז זייער געפיל פון פאַרדראָס און ווייטאָג, צוליב דעם וואָס אונדזער אָרדן איז ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, איז דורכאויס אַ באַרעכטיקטער. ווער נאָך ווי זיי אַליין ווייסן טאַקע פון זייער אייגענער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וואָס פאַר אַ הערלעכן בייטראָג מיר האָבן געמאַכט צו יעדן געביט פון דעם אידישן לעבן. זיי ווייסן אויך, אַז מיר זיינען בכח צו מאַכן אַ וויכטיקן בייטראָג צו דער קאָנפערענץ גופא און אַז אָן אונדז איז די קאָנפערענץ שוואַכער, ווייל זי האָט ניט אין זיך יענע קאָנסטרוקטיווע, געזונטע ריכטונג אין דעם אידישן לעבן, וואָס שטייט פאַר אמת'ער אייניקייט און פאַר אַ געהעריגער פראָגראַם אויפן באָדן פון אייניקייט. אָבער דער באַרעכטיקטער פאַרדראָס טאָר אונדז בשום אופן ניט פירן צו קיין פאַלשע שלוסן.

מיר דאַרפן זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר האָבן געקאָנט צוטראָגן צו דער קאָנפערענץ פעטיציעס פון אַכציק טויזנט אידן, וועלכע האָבן פאַר־לאַנגט, אַז מיר זאָלן ווערן אַ טייל פון דער קאָנפערענץ. דאָס קלייבן די פעטיציעס אַליין איז געוועזן אָן און פאַר זיך אַ גרויסער בייטראָג צו אייני־קייט, ווייל כדי צו קאָנען קריגן 80 טויזנט אונטערשריפטן, האָט מען באַ־דאַרפט רעדן מיט אַ סך מער ווי 80 טויזנט אידן. וועגן וואָס האָט מען מיט זיי גערעדט? וועגן אייניקייט, אויף דער באַזע פון אונדזער פראָגראַם, וועגן דער קאָנפערענץ אין אַלגעמיין. און זאָגן דאַרף מען, אַז דער ברייטער אידישער עולם האָט צופיל וועגן דער קאָנפערענץ נ י ט געוואוסט. מיר האָבן געהאָלפן ברענגען די קאָנפערענץ דירעקט צום אידישן עולם. דאָס שטעלט אַוועק אונדזער אָרדן אין די פאָדערשטע רייען אין דעם קאַמף פאַר אייניקייט און דאָס ווייזט, אַז מיר שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין שוועריקייטן אין קאַמף פאַר די נויטן פון דעם אידישן פאָלק.

מיר דאַרפן ניט אַנטוישט ווערן פון דעם, וואָס אונדז האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבן צו איבערצייגן די גרויסע מאַיאָריטעט דעלעגאַטן צו דער קאָנ־פערענץ, אַז די אַטאַקעס פון די „רעד־בעיטערס" און די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן אויף אונדזער ריכטונג, קומען פון יענע כחות, וועלכע זיינען

קעגן דער עצם עקזיסטענץ פון דער קאָנפערענץ גופא, און אַז עס איז אין די סאַמע לעבנס־אינטערעסן פון דער קאָנפערענץ, ווי אַ קערפּערשאַפט, וואָס קאָן העלפן ראַטעווען דעם ווייטערדיקן קיום פון דעם אידישן פאָלק, אַז מיר זאָלן דאָרטן פאַרנעמען יענע פּאָזיציע אין דעם אידישן לעבן, צו וועלכער מיר זיינען באַרעכטיקט. מיר זיינען איבערצייגט, אַז די צייט איז ניט ווייט, ווען די קאָנסטרוקטיווע כחות פון דער קאָנפערענץ וועלן איינזען די ערנסטע פעלערן וואָס די קאָנפערענץ איז באַגאַנגען סיי פּראָגראַמאַטיש און סיי בנוגע דעם גרויסן חסרון פון ניט האָבן פאַרוואַנדלט די קאָנפערענץ אין אַן אל־איינשליסנדיקער קערפּערשאַפט פאַר אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין דעם אידישן לעבן. ווען מיר וועלן אָנהאַלטן אָט־די קאָנסטרוקטיווע שטעלונג, וועלן מיר אונדזער ציל דערגרייכן, ניט קוקנדיק אויף דעם קאַמף פון די שונאים פון אונדזער ריכטונג, וועלכע זיינען אויך די שונאים פון דער אידישער קאָנפערענץ און וועלכע זיינען אויך די שונאים פון דעם אידישן פאָלק.